STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13260

ALEYN DOS LEBN

Rachel Boymvol

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

רחל בוימוואַל

אליין דאָס לעבן

רחל בוימוואַל

אליין דאס לעבן

ארויסגעגעבן דורך דעם
ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ־פאַנד
ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים
ירושלים תשמ״ד—1983

RACHEL BAUMWOL

ALEIN DOS LEBN

POEMS

©

אלע רעכט געזיכערט

כל הזכויות שמורות

אליין דאָס לעבן

איך עצה זיך אליין

דו ביסט דאָך צוגעבונדן צו דיין אָרט,
און צו דיין היים,
און צו די מענטשן וואָס ארום —
צו אלץ וואָס איז דאָ גלייך און קרום,
וואָס פרייט און מאטערט דיך געהיים,
נאָר איז דיר טייער פאָרט.

דו ביסט דאָך צוגעבונדן, ווי מיר שיינט,
צו אלץ וואָס דארף און וויל
אז דו זאָלסט וועגן דעם זיך זאָרגן,
צו אלץ וואָס מיט דער צייט
וועט זיך פארקוויקלען ווייט. —
איז פיל עס, פיל!
און פיל עס היינט,
ניט מאָרגן!

פייגל־שפראך

צי זינגסטו, פייגעלע, צי וויינסט,
צי אויף א צווייגל פרעפלסט מיד —
פאר אונדזער אויער איז אלצאיינס.
מיר נעמען אויף דאָס ווי א ליד.

מיר מיינען, ס׳איז דיין פליען גרינג,
כאַטש אין די היצן צי אין די פרעסט
קאָן זיין אז קוים וואָס דיר געלינגט
דערקלייבן זיך צו זיך אין נעסט.

פאר א געזאנג מיר נעמען אָן
דיין קלאָגן און דיין בעטן הילף
וואָס האָט מיט זינגען ניט צו טאָן,
וואָס איז מיט ווייטיק אָנגעפילט.

נאָר מיר, מיר דארפן האָבן טרייסט.
איז זוכן מיר זי בלינדערהייט.
ווען כ׳קאָן די פייגל־שפראך, ווער ווייסט,
צי דאָס וואָלט מיר פארשאפן פרייד.

* * *

דו וועסט לאכן . . . ניין, דו וועסט ניט לאכן
ווען איך וועל דיר אויסזאָגן א סוד —
ווייל עס טרעפן זיך אזעלכע זאכן
אויך געוויס מיט דיר אויף יעדן טראָט:

גייסט אזוי אין טראכטעניש פארזונקען,
טוסט דעם בליק אפילו ניט קיין הויב,
פלוצים זעסטו ווי עס ברענען פונקען
אויף אן איינפאך גלעזל אינעם שטויב!

צי א זונען־העזל טוט א פינטל
און א שטיפערישן שפרונג אויף דיר,
צי עס מאכט זיך דיר אין וועג א הינטל,
וואָס באגלייט דיך ביז דער סאמער טיר —

אלץ, וואָס איז אין דיר פארגרויט, פארראָסטעט,
אין דער רגע אויסגעשייערט ווערט.
פון אזא מין קלייניקייט א פּראָסטער
ביסטו גרייט אראָפּשלינגען א טרער.

ירושלימער ווינט

דער ווינט נעמט מיך אָן פֿאַרן פּנים
מיט קינדעריש־צערטלעכע הענט.
אין ירושלים כ׳וואָלט אָן אים
פֿון חמימה געוואָרן פֿאַרברענט.

מיט אימפּעט פֿאַרבלאָזט ער מיין אומעט
העט ווייט, אזש אהינטער די בערג.
ווי איינער וואָס זאָגט: — כ׳בין געקומען,
טאָ זיי אזוי גוט מיך באמערק!

ער נעמט מיך דעריאָגן, פֿאַרבייגיין,
אנטלויפֿן און קומען צוריק,
ער פּאָכט מיר אנטקעגן מיט צווייגן,
מיט זויבערע וועש אויף א שטריק...

און אלץ — פֿון א בוים ביז א גרעזל —
זיין פֿריילעכע מונטערקייט שעצט.
ער איז ווי א לעבעדיק וועזן —
א שטיפֿער, א הולטיי, א לץ!

טיול

פול מיט קינדער! —
שווארצע, בלאָנדע קעפּלעך...
און דער וועג — אין טרעפּלעך,
טרעפּלעך,
טרעפּלעך.
און די בערג — געהאַקט אין וועגטלעך,
וועגטלעך.
גרעזעלעך זיך האַלטן פאַר די הענטלעך...

שטיין אויף שטיין — מחיצות גרייטע,
לאָזן ניט צעווייען דאָס פאַרזייטע.
ס'קאָן אַ שטיין פאַרשטיין
און ניט דערלאָזן.
ס'קאָן אַ שטיין באַשטיין,
ס'זאָל ניט צעבלאָזן.

הויבן אָן די הוילע בערג צו גרינען;
פעלדער, וועלדער קאָנסט אויף זיי געפינען.
וואָרעם ס'ווייסט דאָך יעדער איינער,
אַז אַ גרעזל קאָן צעשפּאַלטן שטיינער.

ביבל־שיינקייט — אין די יונגע מענער.
איינער פון דעם אנדערן איז שענער.
לאנגע מאנדל־אויגן, בויגנס — ברעמען.
אז פון וואנען קאָן אזוינס זיך נעמען!

פול מיט זון, מיט קינדער אין די וויגן.
קעמלען,
לעמער,
אייזעלעך
און ציגן...
איי איז דאָס א לאנד — א פארגעניגן!

אויף די בערג פון יהודה

צו די בערג פון יהודה,
צו די בערג פון יהודה
כ׳קוק אין פענצטער ארויס
אנטציקט און צערודערט.

כ׳בין געקומען אהער
מיט א וועג מיט א שווערן —
אויף דער דאָזיקער ערד
זאָל מיין אָפּצווייג זיך מערן.

אויף די בערג פון יהודה,
אויף די בערג פון יהודה
שפּילט ביינאכט די לבנה
אויף א זילבערנער דודע.

ווי די שטילקייט איז גרויס! —
אזש עס קלינגט אין די אויערן...
און עס דוכט זיך מיר אויס,
כ׳דארף ערשט ווערן געבוירן...

ירושלים

1.

שטאָט ניט גרינגע,
דורכאויס בארג־און־טאָליקע,
אָנגעגליטע פון ווינט און פון היץ,
מיט ליקן געהיימפולע,
שמאָלינקע,
ווו דער אוראלט אין שטיין איז פארקריצט.

שטאָט פרומע,
און ניט פרומע, —
שטאָט פון גאָר א באזונדער שטאָף!
האָסט א לייב פאר א סימבאָל גענומען,
און אין בערג דיינע פּאשען זיך שאָף...

שטאָט, וואָס אנדערש אין דיר יעדער ריפ איז.
סיי דו רוסט, סיי ביסט שטענדיק פארטאָן.
שטאָט מיט פּאות,
מיט פּאטלעס פון היפּי׳ס, —
קיין שום ווידערשפּרוך גייט דיך ניט אָן...

וויג פון מענטשנטום פון גאנצן!
אלץ געלינדערט ווערט אין דיין שיין.
אויף די בערג דיינע ווינטן טאנצן,
אין דער נידער שלאָפן זיי איין...

שטאָט — יאָרטויזנטערס וואָרהאפטער חלום,
שטאָט מיט יידישן שטיינער־געברום, —

אין דער צייט פון הבל הבלים
קוק זיך אום אויף מיר,
קוק זיך אום!

ירושלים

2.

אדאנק די ווינטן אָטעמט זיך דאָ פריי.
די לופט פון גאָר דער וועלט איז דאָ פארטראָטן.
די זון איז צו די שטיינער צוגעזאָטן.
אהער מע קומט, און ניט מע גייט פארביי.
פון פּיליגרימען וויגט זיך דאָ דער שאָטן
לענגאויס דעם כותל — אָט דעם אייביקן געביי.

ירושלים, ווּנדערלעכע שטאָט,
געלייטערטע דורך בלוט און טרערן!
ס'ווערט מער מיין פאָלק ניט זיין צו שאנד און שפּאָט.
דיין מינדסטער שטיין דורך צייט פארהיט זאָל ווערן!
כ'האָב דיך דערקאָנט — דיין חסד און דיין גנאָד.

װען עס בליִען די מאַנדלען

װאָס זאָל איך טאָן, װי זאָל איך האַנדלען,
װען ס׳טוט א פאַרשמעק מיט דעם ריח פון מאַנדלען,
װען ס׳טוט זייער בליונג א שיין אין די אויגן,
און ס׳װערט מיר מיין גאַנצענער עלטער פאַרפלויגן
מיט דאגות מיט זיינע, מיט אלץ מיט אַן אַנדער —
װאָס זאָל איך טאָן, װי זאָל איך האַנדלען!

װאָס זאָל איך טאָן װען די ערד, װי אומיסטן,
שטרעקט אויס אויף אַרויף אירע בערג װי די בריסטן,
װי זיי װאָלטן געבן דעם הימל צו זויגן!
עס װערט מיר מיין גאַנצענער עלטער פאַרפלויגן,
און קיין זאַך אין שטאַנד איז דאָס בילד צו פאַרװיסטן,
װען בערג שטרעקן אויס צו דעם הימל די בריסטן...

װאָס זאָל איך טאָן מיט דעם אימפּעט פון װעגן! —
אָט גראַד װי א פייל, אָט האַלברונד װי א בויגן —
זיי שמעקן מיט זון און זיי שמעקן מיט רעגן.
אַז ס׳װערט מיר מיין גאַנצענער עלטער פאַרפלויגן.
די שיין זאַפּ איך איין און װער פול ביז די ברעגן.
װאָס זאָל איך טאָן מיט דעם אימפּעט פון װעגן!

װאָס זאָל איך טאָן מיט מיין טבע צו לעבן
אַזוי אַז דער װעלט זאָל איר שלעבטס זיין פאַרגעבן,
אַזוי אַז דער עלטער זאָל װערן פאַרפלויגן!
דעם טאָג װאָס קומט מאָרגן איך נעם פאַר א רבין.
װאָס זאָל איך טאָן מיט דער פרייד פונעם לעבן?!

דער ירושלימער הימל

דער ירושלימער הימל
מיט ליכטיקער בלויקייט גלעט.
פון וואָלקנדלעך טרעפט א געווימל,
ווי דאָרט, אין די רוסישע שטעט.

און בארגיק, ווי ערגעץ שוין פריער,
די גאס ווו דו גייסט און דו פאָרסט.
צי איז עס אמאָל ניט קיעוו,
צי אפשר גאָר פיאטיגאָרסק?...

ניין, קיעוו, ער איז דאָך ניט מיינער,
כאָטש ער איז אויך וווּנדערלעך שיין.
עס האָט מיר ניט איין אוקראינער
געגעבן דאָס גוט צו פארשטיין.

און לערמאָנטאָווס לעבנס-געשיכטע
— געוועזן פיאטיגאָרסק איז זיין סוף —
זאָגט עדות, אז דאָרט איז א דיכטער
געוועזן מיט עלנט געשטראָפט.

די וועלדער, די טייכן, די גראָזן,
דעם ריזיקן שטח-פארקער —
כ׳האָב אלץ מיט אן אנדער געלאָזן
און איך בין געקומען אהער.

נאָך לאנגע חדשים שטוינען
פון אלץ וואָס דאָס אויג דאָ באמערקט,
איך הויב זיך שוין אָן צו געוווינען
צו פעלדזיקע שטיינער און בערג.

ס׳איז בארגיק, ווי ערגעץ שוין פריער,
די גאס ווו דו גייסט און דו פֿאָרסט.
אָט דאָ איז דיין אייגענער קיעוו!
אָט דאָ איז ער, דיין פּיאַטיגאָרסק!

סוכות אין ירושלים

וואָס שייך מסורות כ׳בין אייגנטלעך מעסיק.
פון דעסטוועגן וואָלט איך היינט קויפן אן אתרוג.
כאָטש שווער איז ביז איצט מיר, וואָס איז דאָ צו ריידן —
פון אתרוג א לימענע אונטערצושיידן...

כ׳געדענק ווי מיין זיידע פלעגט טרייסלען דעם לולב,
כ׳געדענק אויך די סוכה. נאָר וואָס איז די פעולה?
געמיינט האָב איך דעמאָלט אין הארבסט־טאָג אין קאלטן
אז דאָס איז אן אָרט פון פּאָגראָם זיך באהאלטן...

געווען איז מיר קוים א יאָר פינף, און אין קיעוו
פלעגט אין קיין פּאָגראָמען ניט זיין קיין מניעה.
די באָבע פלעגט שטייסן, און שילן, און בראָקן,
נאָר עפּעס זיך אומקוקן שטענדיק צעשראָקן.

געפעלט מיר אָט איצט אויפן מארק זיך צו שטויסן
און צוזען וואָס זיינען די קונים דאָ אויסן,
ווען אויסקלייבן נעמט מען אן אתרוג, א לולב.
עס ווארעמט אזוי זייער יידישע גדולה!

ירושלים אויפדערנאכט

פייערלעך, פייערלעך, פייערלעך
אין די פליינען און אויף די היגלען...
א שטאָט מיט צעשליידערטע שפּיגלען —
ווי יומטובדיק און ווי פייערלעך!

פינטעלעך, פינטעלעך, פינטעלעך —
בליציק־בלויע און גרינלעך־ווייסע.
א שטאָט — א פארשריבענע מעשה,
וואָס עס בלעטערן זי די ווינטעלעך...

שורק׳עס, צירה׳עס און חירק׳עס
העל צעשפּריצט אין אלע זייטן —
גאָטס וווּנדער אין אלע צייטן
פאר די טרוימערס און פאר די ליריקערס.

הער איך ניט אויף זיך צו חידושן,
איך, דער פּראָסטער חי־וקים,
אויף דער וועלט־שטאָט ירושלים,
אויף דער איינציקער מיינער, דער יידישער.

* * *

ביי יעניקע וואָס האַרציקייט זיי שפּאָרן,
ניט גרינג ביי זיי אַ גוטן וואָרט פאַרדינען —
איך קאָן ניט אָפּלערנען אַזוי פיל יאָרן
די קריפּלדיקע קונסט פון ניט פאַרגינען.

עס לעבט אין מיר די קינדערישע טבע —
הנאה האָבן יענעם צו דערפרייען.
ווען כ'שעם זיך ניט, כ'וואָלט אויפן קול געשריען,
ווען אַ פאַרדאַכט אין קאַלטן בליק איך לייען

און אין מיין האַנט בלייבט אויסגעשטרעקט דאָס בלימל,
אַן אָפּגעגאָסנס מיט אַ ביטול־מינע,
ווייל יענער גלייבט ניט — ליבער גאָט אין הימל! —
אַז כ'זאָל באמת טאַקע אים פאַרגינען.

ניט שטראָף

ניט שטראָף מיך, גאָט, פאַר מיין ניט גלויבן,
דעם נאַרישן, דעם פינצטער־גראָבן!
כ׳ווייס, טאָמער ביסטו דאָרטן אויבן,
כ׳וויל פאַר א שונא דיך ניט האָבן.

כ׳בין אפשר ענלעך צו א בלינדן,
וואָס גיט זיין לאָמפּ דעם צווייטן גערן. —
ער דאַרף קיין לאָמפּ פאַר זיך ניט צינדן,
אים וועט שוין ליכטיקער ניט ווערן...

די וועלט, ווּו בייזע ווינטן בלאָזן,
איז פול מיט דערנער און מיט חיות.
איך בין געוווינט זיך ניט פאַרלאָזן —
טאָן אלץ אויף אייגענע אחריות.

דיין הארציק וואָרט

איך שפּיל ניט,
דארף איך ניט קיין גוטע קאָרט.
איך וויל ניט
זיצן אויף א הויכן אָרט.
ווען־סטו דאָך פרעגן,
וואָס זשע וויל איך פאָרט? —
ס'איז מיין פארמעגן —
דיינס א הארציק וואָרט.

אזא מין וואָרט —
דאָס איז מיין גרויס געווינס.
אזא מין וואָרט —
דאָס איז מיין גרויס פארדינסט.
אזא מין וואָרט
צעבייט זיך ניט אויף מינץ.
נאָר אָט דעם וואָרט
צו זעלטן דו געפינסט...

שפּראַכן

רעדט דאָס בלימל אויף זיין שפּראַך פון שמעקן.
רעדט דער הימל אויף זיין שפּראַך פון לויכטן.
רעדט דאָס טייכל אויף זיין שפּראַך פון פליסן.
און דעם ווינטלס שפּראַך — דאָס איז באַרירן.

בלומען־שטויב — דאָס איז דער כתב פון בלומען.
וואָלקנגאַנג — דאָס איז דער כתב פון הימל.
וואַסערלויף — דאָס איז דער כתב פון טייכל.
און דעם ווינטלס כתב אויף בוים און גראָז איז.

קען איך בלויז פון יעדער שפּראַך צו ביסלעך: —
כ׳שמעק די בלום און פיל אויף זיך דעם ווינטל,
כ׳הער דעם טייך און כ׳קוק אַריין אין הימל,
און איך שווייג. ווייל ס׳איז מיין שפּראַך פאַר מיר בלויז.

הינטער דער שטאָט

הינטער דער שטאָט,
הינטער דער שטאָט —
הינטער דער שטאָט
איז נענטער צו גאָט.

הינטער דער שטאָט
איז נענטער צו זיך.
הינטער דער שטאָט
גיי איך אָן שיך.

גיי איך א באָרוועסע,
האָב איך הנאה.
ווינקען מיר בלימעלער
ווייסע און בלאָע.

הינטער דער שטאָט,
הינטער דער שטאָט
צו זיצן אין שטוב
כאָטש א רגע — א שאָד!

גיי איך לענגאויס
דעם צעציינדלטן פלויט,
כ׳פיר מיט א ריטעלע —
שיט זיך א שרויט.

קילט מיר דאָס גראָז
מיינע שטאָטישע פיס.
עפּעס א פליגעלע
טוט מיך א ביס...

סקריפּעט א טויער,
מעקעט א ציג,
גייט אויף א שטריק
אהין און צוריק...

טרעפט מיך א ווינטל
און לויפט נאָך מיר נאָך,
טוט מיר די האָר
אויפן קאָפּ א צעפּאָך.

טוט אויף מיר צוויט
פון א צווייגל א שאָט —
הייסט עס איך בין טאקע
הינטער דער שטאָט!

די רגע

כאַפּ איך אָן די רגע פאַרן ווײַדל
און איך בעט ביי איר זיך שטיל און איידל:
— לאָז דיך צושפּיליען צום ווייסן בויגן!
ענטפערט זי: — צו וואָס זאָל עס מיר טויגן!

וווּנדער איך זיך: — הער נאָר א געשיכטע!
ווערסט א ליד דאָך ווערן בא דעם דיכטער!
ס'וועט די צייט דיך קיינמאָל ניט פאַרטרייבן.
דו, די רגע, וועסט אויף אייביק בלייבן.

אָט אזוי, מיט חנדלעך און שטיקלעך
כאַפּ איך זי אריין, און איך בין גליקלעך.
מיט א מאָל דערזע איך, גאָט מיין ליבער! —
אז די רגע איז שוין לאנג אריבער.

און די צוגעשפּיליעטע צום בויגן
הלוואי זאָל פאר א ליד מיר טויגן...

דאָס פייגעלע וואָס פייפט

ווי קומט אהער אין עיר גנים
דאָס פייגעלע וואָס פייפט ?! —
און מער איז שוין מיין הארץ אין ברוסט
ניט עלנט און פארשטייפט.

איך קוק זיך צו מיט נייגער
ווי אונדזער בוים דער שווייגער
פאוואָליע וויגט אויף זיינס א צווייג
דאָס פייגעלע וואָס פייפט.

פון צווייג אויף צווייג אלץ העכער שטייגט
דאָס פייגעלע וואָס פייפט.
...איך טראָג זיך איבער צו דעם לאנד,
ווו איצט דער קאָרן רייפט —

איך זע זיך אין אוקראינע
אין יונגע יאָרן מיינע.
דאָרט, אין דער טיפעניש פון וואלד —
א פייגעלע וואָס פייפט...

נאָר אין ירושלים גאָר!
ווי קומט עס אָט אהער?
מיין הארץ, עס זוכט א גלייכגעוויכט
צעווישן גרינג און שווער —

צעווישן דעם דערמאָנען
און דעם אויפסניי הײנט קאָנען
דערזען, דערהערן אויף דער וואָר
יענץ פייגעלע וואָס פייפט.

די קאַץ

די קאַץ האָט מיטן עק אַראָפּגעווישט
צוויי ווייַנטרויבן פֿון טיש,
און האָט פֿון זיי געמאַכט זיך אויגן.
נאָר גלייַך האָט זי מייַן חשד געמאַכט צו נישט —
מיט חן זיך אויסגעצויגן
און מיט דער צונג דאָס פּעלעכל אָפּגעפּרישט,
דערנאָך מיט אירע ווייַנטרויבענע אויגן
זיך אַריינגעזויגן
אין שיסל וווּ געלעגן איז אַ פֿיש.

דער סענטימענטאַלער רעגן

ס׳איז ביי מיר פאַראַן א חבר,
כ׳זאָג אייך, זייער א טשעקאַווער.
איך בין חבר מיטן רעגן!
ווי נאָר כ׳גיי ארויס אין דרויסן,
קומט ער מיר ארויס אנטקעגן,
קושט אין קאָפּ מיך און אין שטערן,
און פאַר פרייד ער גיסט מיט טרערן,
פּליסט און מורמלט מיט א ניגון:

״כ׳האָב געקוקט אין אלע שויבן,
ביז כ׳האָב דיך דערזען פון אויבן.
כ׳האָב אין וואָלקנס זיך באהאלטן —
דיר צו אָנטאָן פאַרגעניגן, —
מיט א מאָל אויף דיר א פאַל טאָן...
כ׳בין דיין פריינד און דיין פאַרערער!״
און צעכליפּעט זיך נאָך מערער.

גייט מיר נאָך אויף אלע וועגן
דער סענטימענטאַלער רעגן.
ביז ס׳געלינגט מיר צו אנטרינען,
אז ער זאָל מיך ניט געפינען.
כאַפּט ער אָן זיך פאַרן ווינט,
טוט א זיפצל און פאַרשווינדט.

אָן א דעק

גאָט איז גרויס און גאָטס וווּנדער איז גרויס. —
דער האָניק אין קרוג נעמט זיך ניט אויס.

איך שמיר אים אויף חלה, איך שמיר אים אויף ברויט —
עס ציט זיך פון לעפל א גאָלדענע צוויט...

פארביי גייט א חודש, פארביי גייט א יאָר —
דעם דופטיקן האָניק צו שפּאָרן כ׳פארשפּאָר.

ווען ס׳בלייבט שוין גאנץ ווייניק, איז אלץ נאָך גענוג.
מיט האָניק איז פול אויף די ווענטלער פון קרוג.

אלץ טיפער און טיפער דאָס לעפל איך שטעק...
ביז אויסגעזעצט האָב איך פון קריגל די דעק.

א שאָד! ס׳איז געווען נאָך דאָרט האָניק א לעק...

שיינקייט

1.

ס׳טרעפט אַז שיינקייט האַלט פון זיך.
שיינקייט טאָר פון זיך ניט וויסן!
שיינקייט, ביז דעם מינדסטן שטריך,
איז — אַז יענער זאָל געניסן.

שיינקייט איז אוממיטלבאַר
און זי פעלשט ניט אויף קיין ביסל.
ס׳איז — די לענגלעכקייט פון באַר,
ס׳איז — די שפּיציקייט פון ניסל.

שיינקייט ליכטיק איז און קלאָר,
שיט זיך גרינג אַזוי, פון אַרבל.
ביי דעם מינדסטן אָנשטרענג נאָר
נעמען וועלקן אירע פאַרבן.

2.

די לענגלעכקייט פון באַר איז שיין,
ס׳איז שיין די רונדיקייט פון עפּל,
די מינים שיינקייטן — ניט אויסצושעפּן!
עס צילט דער שלאַנקער ציפּרעס־בוים
אין הימל אין צעבלויטן.
און פון דער ווערבע הענגען צוויטן. —
נאָר קענסטו זאָגן ווער איז שענער,
צי די, צי יענער?

מיין לידערהעפט

און נאָך א מאָל און ווידער טרעפט —
עס ליגט פאר מיר מיין לידערהעפט.
מיין לידערהעפט, מיין לידערהעפט,
ווי הייך מיט נידער איז באהעפט.

ווי יעדער סטראָפע, יעדער טראָפּ
מיין לייב־און־לעבן שפּיגלט אָפּ,
מיין צייט, איר אייביקן גאלאָפּ,
איר גרייכן ביז איבערן קאָפּ...

עס טרעפט, אז אלע גלידער פלעפט
מיין בענקשאפט נאָך מיין לידערהעפט. —

און קיינער ווייסט ניט ווי אזוי
דעם העפט מיין לעבן איך פארטרוי, —
אלץ וואָס איז רייף אין מיר און רוי,
און גוט, און שלעכט, און העל, און גרוי...

מיין מענטשנוועלט, מיין לידערוועלט
צו זיין א לידערהעפט געפעלט.

פון אויבן

כ׳האָב אויף דעם טאָג געוואַרט א סך. —
א טאָג אזא מיין ווילער!
איך שטיי און גלי דאָ אויפן דאך,
ווי איך וואָלט זיין א בוילער...
אהערצו מיך פארטריבן האָט
מיין חשק זען די גאנצע שטאָט.

א טראכט טאָן נאָר: עס ליגט צעשפּרייט
פאר מיר ירושלים!
די שטאָט פארשאפט אזוי פיל פרייד
מיר, דעם עולה דעם נייעם.
ארויסגעריסן זיך פון דאָרט...
יאָ, אז מע לעבט, דערלעבט מען פאָרט!

כאָטש אויפן קאָפּ א הוט איך טראָג
מיט זייער ברייטע ראנדן,
כ׳פיל ווי די גאנצע היץ פון טאָג
וואָלט אויף מיין קאָפּ דאָ לאנדן.
נאָר איידער גיין אהיים צוריק,
כ׳ווארף אויף דער שטאָט כאָטש נאָך איין בליק...

טייבעלעך

צוויי טייבעלעך — צוויי ווייבעלעך
אין סאַמעטענע הייבעלעך
אויפֿן ברעג פֿון דאַך
פֿלוידערן אַ סך.

מע פֿלוידערט, מע פֿלוידערט,
מע טרייסלט מיט די גוידערס,
מע פֿינטלט מיט די אויגן,
פֿררררררר... — און זיך צעפֿלויגן...

ירושלים פרילינגצייט

אלץ מיט א מאָל — מיין ערן־וואָרט! —
ס׳איז ווינטיק־זוניק־רעגנדיק.
א וועג לויפט דאָ, א וועג לויפט דאָרט,
זיך טרעפן ניט דערוועגנדיק.

א וועג לויפט דאָרט, א וועג לויפט דאָ,
זיי שטויסן אויף א בוים זיך אָן
און טונקען אָפּ זיך אין זיין בלאָ —
ער איז אין בליונג אָנגעטאָן.

זיי טונקען זיך א ווײַלע אָפּ,
און אין דער קרום צעפליען זיך.
אָט בארג־ארויף, אָט בארג־אראָפּ —
זיי ציען זיך און ציען זיך.

צי גלייבט מיר יאָ, צי גלייבט מיר ניט —
די ברירה איז שוין אייערע —
עס שימערירט דער מאנדלצוויט
ביינאכט דאָ אין די פייערן.

* * *

פיל איך ניט דעם ריטעם,
האָב איך ניט דעם גראַם.
האָב איך ניט דעם גראַם,
צערינט זיך דער געדאַנק.
צערינט זיך דער געדאַנק,
צעשיט זיך מיר דאָס ליד.
צעשיט זיך דאָס ליד —
טויג עס טאַקע ניט!

נאָר ס׳צעגייט דער וואָלקן,
טוט א שיין די זון.
טוט א שיין די זון,
ווערט אין דרויסן ליכטיק.
ווערט אין דרויסן ליכטיק,
גלייך לעבט אויף די וועלט.
ווי ס׳לעבט אויף די וועלט,
ווער איך אויך א העלד. —

פיל איך שוין דעם ריטעם,
האָב איך שוין דעם גראַם.
האָב איך שוין דעם גראַם,
צייטיקט דער געדאַנק.
צייטיקט דער געדאַנק,
פלעכט זיך אויס דאָס ליד.
איז פאַראַן דאָס ליד —
כ׳דאַרף מער גאָרניט ניט!

* * *

ניט אזוי דער טעלעוויזער
וואָס שרייט פון אנטקעגן ארויס,
ווי דאָס וואָס איך האָב זיך פארבענקט,
עס זאָל קלינגען פון עפּעס א הויז
דאָס ליד, וואָס איך האָב געהערט נאָך
ווען איך בין געווען קליין:
"ניט אזוי די גאָלדענע פעדער, ווי די פּאווע אליין".

פון שבת ביז פרייטיק

עס שפּרינגט מיין צייט פון שבת גלייך צו פרייטיק.
איך ווער אַלץ אַפּהענטיקער, העלפן זיך ניט קאָנענדיק.
אָט איז שוין נאָך אַ וואָך געוואָרן צייטיק.
און ווּ איז זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק?

געפּרוּווט כ׳האָב צינדן ליכט, אַ טישטעך שפּרייטן,
אַ שבת־תפילה צוגעטראַכט אין אייגענע, —
אַז צווישן איין שבת און צווייטן
די צייט זאָל ניט אַנטרינען ווי אַ פייגעלע.

מיין וואָך אַנטרינט אַלצאיינס. וואָס קאָן איך מאַכן!
פאַרוואָס אַזוי, איך קאָן זיך ניט דערקלערן.
גלייך ווי דער שבת גייט אַוועק, — איר וועט דאָך לאַכן —
די איבעריקע פינעף טעג ניט ווערן...

מגן-דודלער

כ׳גיי מיר אין א ווינטערטאָג
פון דאגות אויסגעטאָן
האָט א שניי א שאָט געטאָן.
כ׳שטעל דעם קאָלנער אָן.

איך פארהאלט די טריט מיינע
און דעם קאָפּ כ׳פאררייס —
ס׳ארא גרויסע שנייעלער,
און ווי זילבערווייס!

ווו איז עס געזען דען
און ווו איז עס געהערט —
ווייסע מגן־דודלער
פליען צו דער ערד!

גייען אלטע יידן צוויי.
שוין צו אלץ געוווינט,
אָבער אויף דעם שנייגעפאל
קוקן זיי דערשטוינט.

מיט די אקסלען קנייטשן זיי,
שאָקלען מיט די בערד:
— ווייסע מגן־דודלער
אויף ישראלס ערד!

לאָז איך ווייטער, ווייטער זיך.
און, ווו נאָר א הויז,
לאכנדיקע קינדערלעך
שיטן זיך ארויס...

שטרעקן זיי די הענטלעך אויס,
שרייען: — הערט נאָר הערט!
הימל־מגן־דודלעך
פאלן אויף דער ערד!

אלטע בריוו

צו וואָס באהאלטן בריוו ? מע דארף זיי מער ניט שפּעטער.
זיי זיינען אָן די מענטשן, ווי אָן ביימער — בלעטער.

די בריוו האָבן געשיינט דיר ווי די זון אין הימל.
איצט שמעקן זיי, ווי אלטגעבאַקן ברויט, מיט שימל.

ווּ זיינען איצטער די, וואָס האָבן זיי געשריבן ?
ווי מאָדנע קלינגט דער בריוו, וואָס איז פאַרהיט געבליבן !

פון אָרט און צייט מיט גוואלד ארויסגענומען,
ער שטאמלט עפּעס. בעסער וואָלט ער שטומען !

צו וואָס באהאלטן בריוו ? מע דארף זיי תיכף רייסן.
און נאָך דעם מעג מען זיך די פינגער בייסן.

אין חלום

וואָס הייסט אז מען ליגט אויפן הארצן!
משונהנע בילדער באפאלן.
געזען כ'האָב אין חלום א פויגל א שווארצן,
אן אונטערגעשאָסענעם פאלן...

געזען כ'האָב אין חלום מיין חופה,
און מיר איז ניט מער, א יאָר פופצן.
און מענטשן פון אומעטום קומען צעטופען
און וױינטשן, און וויינען, און שלוכצן...

ווי קומען אהער אָט די מענטשן?...
מיין מאן קוקט אריין מיר אין פנים.
און פאַרקומען דארף ערשט דאָס אלץ, וואָס געווען שוין.
מיין לעבן — מיט ציטער כ'דערקאָן אים.

די באַלאַדע וועגן יידישן קינד

דער דייטש טרייבט א שטאָט מיט יידן צום זומפּ.
דער קלעפּיקער שליים זיי פאַרשלינגט...
נאָר דאָס קינד, דאָס יינגסטע קינד קומט ניט אום,
ס'איז גרינג.

עס פּלאַקערט א יידיש הויז אויפן ווינט —
אלע פיר ווענט מיט א מאָל...
נאָר ס'קריכט ארויס דורך א שפּאַרע דאָס קינד —
ס'איז שמאָל.

באַבי יאַר... ווען ס'מיידט די קויל,
שטאַרבט פון דעם גרויל אליין.
נאָר דאָס קינד לעבט אויס, עס באַנעמט ניט דעם גרויל,
ס'איז קליין.

דאָס קינד אנטלויפט ערגעץ ווייט אין וואַלד,
פאַרשטעקט זיך טיף אין זיין גרינס.
אָט וויינט עס, און אָט שלאָפט עס שוין באַלד —
צוקאָפּנס — זיין הענטל זיין דינס...

דאָס קינד טוט אין שלאָף דאָס מויל א פאַרקרים,
ס'טוט זיין הערצל אין ברוסט זיך א שטויס —
די גרוב די געפּערלעבע חלומט זיך אים,
פון וואַנען עס איז ארויס.

. . . .

ס'וועט אויסשטיין הונגער, ווייי און ווינד,
נאָר בלייבן גאַנץ וועט עס פּאַרט.
עס לעבט און וועט לעבן אייביק דאָס קינד
דאָס געראַטעוועטע פון מאָרד!

1947 יאָר

די האַלבע שעה

כ'האָב פאַר דער האַלבער שעה באַוויזן
אַ ביסל ביי דעם שרייבטיש זיצן,
אַ ביסל דורך דעם פענצטער קוקן.
ס'האָט פאַר דער האַלבער שעה באַוויזן
אַ דראָבנער רעגנדל צו שפּריצן,
און ווידער איז געוואָרן טרוקן.

אין משך פון דער האַלבער שעה
איז פונעם טאָג געוואָרן אויס.
עס האָט גענומען טונקל ווערן.
עס איז די האַלבע שעה
געווען מאָדנע גרויס —
ביז אָנגעצונדן האָבן זיך די שטערן.

און דאָ האָט זיך די צייט צעבונדן,
אַ שאָט געטאָן אַ שעה,
און צוויי,
און פיר...
נאָר יענע האַלבע שעה —
איך האָב אויף מאָרגן נאָך געבענקט נאָך איר...

אליין דאָס לעבן

כ׳בין שטענדיק גרייט אוועקלייגן דעם בלייער.
אליין דאָס לעבן איז מיר מערער טייער
פון מיין ליד.
דאָס לעבן מיך פארשיט
מיט פארבן און מיט טענער —
איינס פונעם צווייטן שענער.
עס קומט אריין אָט דער, אָט יענער,
און יעדער טראָגט אין זיך א וועלט,
און אלץ מיט עפּעס מיר געפעלט,
און אלץ מיט עפּעס רעגט מיך.
און איינער לערנט מיך,
דער צווייטער פרעגט מיך,
דער דריטער גייט ארויס, מיט שטילע טריט,
כדי ניט שטערן מיר, ווען כ׳שרייב א ליד.

דאָס אלטע בענקל

ס'איז היינט פון אינדערפרי א ווילדע קעלט.
דאָס אלטע בענקל שטייט אויפן באלקאָן . . .
וואָס האָט ער מיר דען שלעכטס געטאָן,
וואָס איך האָב אים אהין ארויסגעשטעלט ?

ער איז געווען איינער צווישן זעקס
ביי טאטע־מאמע ארום אונדזער טיש.
עס האָט אין שטוב געשמעקט מיט פריש געבעקס.
א טראכט טאָן נאָר ! ס'איז אלץ געווען פריש. —

ס'איז אין זכרון פריש געווען די צייט,
וואָס איז פארביי, נאָר איז נאָך ניט צו ווייט.
די קינדער — אויסגעוואקסן, נאָר ניט אלט,
דער שטייגער — שוין ניט דער, און פאָרט זיך האלט.

נאָר אלץ האָט זיך צעפאלן אומגעריכט.
דער נעכטן איז א בארג מיט ברוכווארג איצט,
עס ליגט אויף אים פון שטויב א גראָבער שיכט.
און נאָר דאָס בענקל בעט זיך נעבעך : — זיצט !

האָב איך ארייַנגעטראָגן אים אצינד,
און אָפּגעווישט, און צוגעשפּארט צום וואנט,
געזאָגט צום גאנצן מעבל : — זייט באקאנט ! —
און זאָל ער שטיין דאָ. ער האָט עס פארדינט.

גליק

א וווינונג איז אזא מין זאך:
ס׳קאָן זיין א שטיבל מיט א דאך,
א סוכה צוגעדעקט מיט סכך,
א הייל, א מויער, א געצעלט.
א פּאַלאַץ, וואָס פאַרשיינט די וועלט,
א בוידעם צי א קעלערגרוב —
דאָס אלץ קאָן דינען פאַר א שטוב.

א מאָלצייט קאָן אוודאי זיין
מיט עוף און פיש, מיט אויבסט און וויין,
צי בלויז א קאַשע מיט א יויך,
קאַרטאָפל צוגעשמעלצט מיט רויך,
א ציבעלע אפילו אויך.

ס׳קאָן א געלעגער זיין א בעט
מיט קישנס הויך, מיט זייד געבעט,
צי א טאָפּטשאַן מיט שטרוי א זאַק —
עס שלאָפט אויף אים זיך גאַנץ געשמאַק.
ווען שלאָפן אויף דער ערד קומט אויס,
דו לייגסט אונטערן קאָפּ דיין פויסט.

און גליק? — דאָס איז אזא מין זאך,
וואָס דאַרף קיין ווענט ניט און קיין דאך,
קאָן אָן אבילה זיך באַגיין,
קאָן צושפּאַרן זיך אויף א שטיין.
און וואָס מיר שלעסער, גיטער, וויין,
ווען האָסט דאָס מזל גליקלעך זיין!

די פרײַע

מיזרח-זייט

די זון גייט אויף פון מיזרח־זייט.
באגעגענען זי כ׳בין געקומען,
א העלינק סטעזשקעלע געפונען.
נאָר צו דער זון איז אלץ נאָך ווייט...

זי טוט פון צווישן בערג א שיין
און תיכף ווערט פארשווונדן ווידער.
אין גרויען נעפל וועלכער נידערט
איך טרעט ניט ווילנדיק אריין.

נאָר אָט לויכט אויף א בארגן־שפּיץ,
נאָך אים — א צווייטער און א דריטער.
דער נעפּל ווערט צו ביסלעך שיטער.
כ׳האָב אים פון זיך אראָפּגעשמיצט.

איך ווייס ניט צי ס׳וועט מיר געראָטן
דעם אויפגאנג זען אזוי ווי כ׳וויל.
עס שפּילט די זון מיט מיר א שפּיל
און פּרוווט מיך אויס מיט ליכט און שאָטן.

דאָס עפּעלע

דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווייט פֿונעם בוים...
אַזוי איז אָבער ניט שטענדיק.
אַמאָל פֿאַרקײַקלט זיך עס אָן אַ זײַט,
און מיט דעם איז נאָך ניט געענדיקט.

עס ליגט איצט אונטער אַ נאָדלבוים,
צי גאָר אונטער אַ בעריאָזע,
און יענע נעמט טענהן אַז דאָס איז אירס. —
מע דאַרף דאָך האָבן אַ העזה!

אַליין דאָס עפּעלע ווייסט ניט מער
זײַן שטאַם צווישן אַנדערע שטאַמען.
און בײַ אים איז רעכט צו האַלטן אַצינד
די בעריאָזע גאָר פֿאַר זײַן מאַמען...

ווי צו דעם פויגל

ווי צו דעם פויגל וואָס פאַרגעסט
דעם אונטערשייד פון שטייג און נעסט.
זיין שטייג פאַרלאָזט ער א דערפרייטער
און... זעצט זיך אין א שטייג א צווייטער.
ער פּיקט די אָנגעגרייטע קערלעך
און פּישטשעט: — ניט אזוי געפערלעך!...

א קאַלטער פּסח
(פון "דאָרט")

עס ליגט די מצה אויפן טיש,
הינטערן פענצטער שנייט.
האָסט צוגעגרייט געפילטע פיש,
נאָר ס'איז ניטאָ קיין פרייד.

ווי ס'וואָלט ניט זיין דיין שטוב, דיין היים. —
די מצה אויפדערנאַכט
אריינגעטראָגן האָסט געהיים
און גלייך די טיר פאַרמאַכט.

די שכנה רופט דיך טרינקען טיי,
דער שכן איז גאַנץ מילד.
און דאָך דיין סדר־נאַכט פאַר זיי
וואָלט אויסגעדוכט זיך ווילד

אויך דו אליין ניט זיכער ביסט,
צי האָסטו גוט געטאָן
וואָס דיר האָט פּלוצעם זיך פאַרגלוסט
צו טאָן זיך א דערמאָן...

פיר קשיות פרעגסט, דו ווילסט דערגיין:
דו ציטערסט דען פון קעלט?
האָסט יידיש בלוט?
דו קאָנסט באַשטיין? —
ווו האלסטו אין דער וועלט?...

פּאָמעראַנצן

— פּאָמעראַנצן מיטן שטעמפּל "יפו"
דאָ אין מאָסקווע האַנדלט מען מיט זיי.
כ'נעם אַרויס דאָס לעצטע געלט פון שאַפע
און איך שטעל אַוועק זיך אין דער ריי.

אין דער ריי אַמערסטן שטייען יידן.
אויף די קעסטלעך קוקן זיי מיט שטאָלץ.
איי, די יידן! ווי מען איז צופרידן
מיטן אויפשריפט "יפו" אויפן האָלץ!

דעם פאַרקויפער האָבן זיי פאַרמאַטערט.
שטופּנדיק דאָס געלט אים אין דער האַנט,
מאַכט זיך יעדער איינער תמוואַטע:
— פּאָמעראַנצן! פון אַוועלכן לאַנד?

— כ'ווייס ניט! — טוט אַ ברום דער גוי פאַרביסן.
אים איז שוין דערעסן אָט די שפּיל.
ווייל דער פרעגער גיט אים גלייך צו וויסן:
— זעסט דעם אויפשריפט? ס'איז פון איסראַיל!

יולי, 1970

האלט דעם אמת פאר זיך

— האלט דעם אמת פאר זיך,
דאָס וועט קיינמאָל ניט שאטן. —
אַט אזוי האָט מען מיר
שוין ניט איין מאָל געראטן.

— האלט דעם אמת פאר זיך! —
נאָר ווי קאָן איך אים האלטן?!
ער וועט אויסגיין פּאַוואָליע,
אויב כ׳וועל אים באהאלטן.

ער דארף רוים, ער דארף לופט,
ער דארף קלינגען און מאָנען!
כ׳וועל דעם אמת פאר זיך בלויז
דען איינהאלטן קאָנען?

ער וועט ווערן דערשטיקט,
און א פּנים ט׳ער קריגן,
חלילה וחס,
פון אַן אמתן ליגן!

די פּריַיז

אָשר שוואַרצמאַנס אָנדענק

דו קוק זיך אום צוריק און שטיין:
ביז לעצטער שעה און פון געבוירן —
אַזאַ איז אונדזער גורל שוין —
דער שונא ביַי די טויערן.

פון ערשטן בית־המקדש אָן
אויף ציַיטן אייביקע געשווירן —
ס'זאָל זיַין די שווערד, די שפּיז — א פאָן,
ווען ס'שטייט דער שונא ביַי די טויערן.

פאַר יעדן פאָלק, פאַר יעדן לאַנד
מיר האָבן אונדזער בלוט פאַרגאָסן.
נאָר פאַר דעם זיגער, ווי אַ האַנט,
האָט טיר און טויער צוגעשלאָסן.

און איצט, ביַי זיך דאָ אין דער היים
אויף אונדזער ערד דער גאָלדיק־ברוינער,
וואָס איז מיט גרענעצן באַצוימט, —
ביַי אַלע טויערן — דער שונא!

נאָר יעדן מאָל געבוירן ווערט
און טויכט אַרויס פון פּיַין און טרערן
אַ יונגער זינגער אויף זיַין ערד,
וואָס ביז דער לעצטער קויל זיך ווערט,
עס זאָל דער מאָרגן אונדז געהערן.

און אָשר שוואַרצמאַנס אויף דער שוועל
ווי מורדים טוען זיך אַ שטעל
מיט אָנגעצילטן וואָפן.
און זייער האָפן לויכט זיך העל
אין זינגעוודיקע סטראָפן.

און אייביק־אייביק איז דער קרייז
פון וואגן און פון זיגן.
נאָר זייער טייער איז די פּרייז.
אָ, גרויסער גאָט, דעם וועג מיר ווייז,
דעם וועג מיר ווייז, א נס באַווייז —
א פּיצל אָרט אין אָט דעם קרייז
פאר אָט דער פּרייז צו קריגן!

ווי די שפּערלען

איך שרייב און שרייב...
איז דאָס נאָר צייטפאַרטרייב ?
צו וועלכער ליד די צייט וועט זאָגן "בלייב !" ?
צי אַלע לידער מיט איר לאַנגן עק
וועט זי, ווי שפּורן אויפן זאַמד, טאָן אַ פאַרמעק —
מיין לעבן ט'אָנווערן די פאַרב און דעם גערוך,
ווי אַ פאַרטריקנט בלימל אין אַן אַלטן בוך ?

מיט שפּערעלער איז פול דאָ אומעטום.
אויף גלייכע ווענט זיי גייען קונציק אום.
ווען פאַר דער אייביקייט וואָלט איך זיך אָנהאַלטן געקענט
ווי אָט די שפּערלען — פאַר די גלייכע ווענט...

לידער מײַנע

לידער מײַנע פֿון נעכטן און פֿון הײַנט!
פֿאַר אײַך איך רייד אַראָפּ פֿון האַרצן.
איר וועט דאָך מיר דעם פּנים ניט פֿאַרשוואַרצן,
אפֿילו אָנטאָן כּבֿוד, ווי מיר שײַנט.

איך האָף, אַז איר וועט בלײַבן תּמיד יונג
און צו אַ ביסל נחת נאָך דערלעבן.
איר זײַט אין שטאַנד אַ דין־וחשבון געבן,
איר וועט דערצײלן אַלץ, איר האָט אַ צונג!

אויך אײַך וועט זײַן, פֿאַרשטײט זיך, ווײט ניט גרינג.
ווי אויסצונעמען כ׳האָב אײַך ניט געלערנט.
איר האַלט ניט טיפֿזיניק די האַנט בײַם שטערן,
נאָר ווי די פֿײגל פֿרײ און פֿראַנק איר זינגט.

לידער מײַנע — טרערן אויף דער זון!
לידער מײַנע — שמײכלען אין דער פֿינצטער!
אין אָדערלעך אין אײערע אין דינסטע
מײַן בלוט פֿליסט, און און איר ווײסט גאָר ניט דערפֿון.

דער כוח פון כוח

דער כוח פון שיינקייט — עס איז גאָר ניט שייך!
דער כוח פון שיינקייט דאָס לעבן מאַכט רייך.
די שיינקייט, זי נערט אונדזער האַרץ, אונדזער בלוט.
און ס׳ווערט אַזוי גרינג, אַזוי וווּנדערלעך גוט! —
ס׳איז דער כוח פון שיינקייט!

דער כוח פון חכמה. — עס איז דאָך אַ גליק
צו שפּאַנען ווי איבער אַן אייזערנעם בריק.
ביים נאַרישן צופאַל ביסט מער ניט קיין קנעכט.
דו גייסט ווי אַ זיגער אַרויס פון געפעכט. —
ס׳איז דער כוח פון חכמה!

אפילו דער כוח פון שוואַכקייט איז גרויס.
די פרוי מיט איר ליבלעכער שוואַכקייט נעמט אויס.
דאָס גרעזל איז שוואַך, נאָר עס טוט זיך זיין זאַך —
די שטיינער צעשפּאַרט עס! היינט זאָג אַז ס׳איז שוואַך...
ס׳איז דער כוח פון שוואַכקייט!

דער כוח פון כוח איז פשוט און פּראָסט.
און האָסטו אים, האָסטו ניט מער ווי דו האָסט.
צו כל מינים כוחות אוודאי איז פיין
עס זאָל ביי דעם מענטשן אַלס צוגאָב נאָך זיין
דער כוח פון כוח.

געדענקען און פארגעסן

צוויי טבעס אויסדויער אונדז שענקען,
דאָס לעבן זאָל אונדז ניט דערעסן:
פארגעסן אויף צו ניט געדענקען,
געדענקען אויף צו ניט פארגעסן.

געדענקען מיר דערפאר כסדר
די ליבע, נאָנטע געשטאַלטן,
די קינדהייט — אזש פון שול, פון חדר,
דעם צער, וואָס... לאָזט זיך אויסצוהאַלטן.

מיר ווייסן אָבער אויסגעצייכנט
פון וואָס א טראכט צו טאָן ניט טאָרן.
עס שיקט דאָס הארץ א מינדסטן צייכן —
און ס'פאלט ארויס פונעם זיכרון!

צוויי יאַרמלקעלער

צוויי יאַרמלקעלער שפּילן זיך
אין זומערדיקן דרויסן.
עס פליט די פּילקע הין און הער,
און ביידע קינדער לאַכן.
— צוויי לאַכנדיקע קינדער ?
שוין געזען אַזעלכע זאַכן ! —
נאָר האָט אַ קאַפּעלע געדולט,
ניט דאָס בין איך דאָ אויסן.

די צוויי געשטריקטע יאַרמלקעס,
ווי דעקעלער פון אויבן,
באַדעקן זיי די קעפּעלער,
זיי זאָלן זיך ניט שטויבן.
אַ מוראַדיקער שטויב זיך שיט
פון וועלט־צוזאַמענשטויסן.
דאָס יאַרמלקעלע זיי פאַרהיט.
אָט דאָס בין איך דאָ אויסן !

די וועלט איז פער־און־שוועבלדיק
פון אַלע זיבן עקן.
דאָך קאָן אַ פּיצל יאַרמלקע
פון בייז אַמאָל פאַרדעקן.
אַ ברירה איז נאָר — גלייבן היינט
אין אָט דעם נס דעם גרויסן.
... צוויי יאַרמלקעלער שפּילן זיך
אין זומערדיקן דרויסן.

זיי ציטערן

עס קרייזט און קרייזט א שווארצער שפּאַרבער
אַרום מיין הויז.
ווי שטיקער פליישׁ, ער רייסט פון מיר די פרייד אַרויס
און הערט ניט אויף טאָגטעגלעך טאָן זיין אַרבעט.

און כאָטש דאָס איז א שפּאַרבער, ניט קיין אָדלער,
און איך, איך בין דערצו ניט פּראָמעטיי, —
כ׳האָב ניט גערויבט דעם פייער ביי דער געטער־קאָדלע,
דאָך גייט די שטראָף פון זיי, ווי איך פאַרשטיי.

זיי ציטערן, אז פריער אָדער שפּעטער
וועט מען דערזען: זיי זיינען פאַלשע געטער!

ווי פון א בוים — א בלאַט

כסדר איך פאַרגעס,
אַז איך בין פון אָדעס.
אוועקגעפירט מע האָט
מיך קינדווייז פון דער שטאָט,
נאָך פּיצלווייז, נאָך דאַן,
ווען כ'האָב נאָך ניט געמאַכט
אין איר מיין ערשטן שפּאַן.

א לעבן כ'האָב פאַרבראַכט
אין כל־המינים שטעט
גאָר פון אַן אַנדער גראַד —
אין מאָסקווע, לענינגראַד,
אין קיעוו און טאַשקענט.
אין זיי האָט אַלצדינג דאָרט
צום האַרץ מיינעם גערעדט.
און מיין געבוירן־שטאָט
האָב איך גאָר ניט געקענט.

אין איר צעברויזטן גרין
געקומען איין מאָל כ'בין
אויף עטלעכע בלויז טעג.
האָט זיך אין מיר דערוועקט
א בענקשאַפט, א פאַרדראָס,
איך ווייס גאָר ניט פאַרוואָס.

ווי די אָדעסער לופט
וואָלט אַנדייטן געפּרוווט
אַז דאָ מיט יאָרן קריק
געשטאַנען איז מיין וויג,
און ס׳קען אַלץ ניט פאַרגיין
מיין קינדעריש געוויין.

ווי מיך וואָלט אָפּגעוואַרט
שוין לאַנגע יאָרן דאָ
פון יענער צייט א שפּור.
און פאַרזיכטיק, און צאַרט
האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט
אָן יענער ווייטער שעה,
דער שעה פון מיין געבורט.

— — — —

צוויי באָבעס כ׳האָב געהאַט,
צוויי זיידעס כ׳האָב געהאַט.
נאָר אָפּגעריסן זיך
צו פרי האָב איך, צו גיך,
ווי פון א בוים א בלאַט.

איז איצט מיין בענקשאַפט גרויס.
איך זוך מיין זיידנס הויז,
איך זוך מיין באָבעס הויז,
איך זוך מיין טאַטנס הויז —
איך קוק די אויגן אויס . . .

די גוטע רגע

מאַך מיך ניט אומגליקלעך מיט דיין שווייגן!
מאַך מיך ניט אומגליקלעך מיט דיין דאגה׳ן!
לאָמיר אָנהאַלטן זיך אָן דער גוטער רגע,
ווייל די גוטע רגע וועט פאַרבייגיין.

ס׳איז די רגע ווי א זומער־רעגן.
מיט א מילדן שמייכל זי באַגעגן.
זי איז דאָך פאַר אונדזער ביידנס־וועגן!
שטעל זשע זיך דער רגע ניט אַנטקעגן.

זעסט, מען קאָן זי אויסציען אפילו!
אויב ס׳וועט גאָט דערהערן אונדזער תפילה,
קאָן די רגע לאַנג זיין ווי דאָס לעבן,
וואָס איין איינציק מאָל איז נאָר געגעבן —
אויף צו טאָן א שווינדל פאַר די אויגן, —
איינס און צוויי — און שוין אוועקגעפלויגן!...

עס קרייזט די ערד

אויף א צעווילדעוועטן פערד
קאָן מען דען רייטן גלייך?
און אז עס קרייזט אונטער דיר די ערד,
איז דאָך בכלל נישט שייך!

ס'פארשלעפּט אויף רעכטס, און ס'פארשלעפּט אויף לינקס,
אזש ס'פאלט דיר דאָס הארץ ארויס...
און גאנצע קנוילן ווינט דו שלינגסט
צווישן א שטויס און א שטויס...

דו האלסט פארן שכל זיך ווי פאר א צוים,
דו ראטעוועסט זיך מיט רייד,
דו בינדסט זיך צו מיטן בליק צו א בוים,
און ס'דוכט דיר, דער בוים שטייט.

נאָר ס'דרייט זיך דער בוים, און די ערד, און די זון,
און עס דרייט זיך מיט זיי די צייט.
בלויז עטלעכע טריטעלעך מאכט די הון,
און מיינט אז זי איז שוין ווייט...

טויזנטער יאָרן ווי ס'קרייזט די וועלט,
און שטייט אויף דעם זעלבן אָרט...
אין מיטן דער וועלט — דעם דיכטערס געצעלט,
וואָס שפּארט זיך אָן אויפן וואָרט.

שלום הגליל

ווי קאָן איך רואיק זיין ?
איך קען ניט רואיק זיין
ווען זיי, די יינגלעך, שטעלן זייער לעבן איין,
און עמעצער פון זיי מוז פאלן דאָך אין שלאכט!
פאר עמעצן פון זיי איז שוין אויף אייביק נאכט...
א מאמע ווייסט שוין אז ס׳איז טויט איר קינד...

און איך בין אומבאהאָלפן, ס׳איז מיין ווייטעק בלינד —
פון יענער מאמען, יענעם טאטן בין איך ווייט.
און איך וואָלט דאָך באדארפט שטיין הארט ביי זייער זייט,
דורך טעג און נעכט מיט זיי נאָר זיין און מער מיט קיינעם,
מיט זיי צוזאמען שווייגן, און מיט זיי צוזאמען וויינען.

ווי קאָן איך רואיק זיין ?
איך קאָן ניט רואיק זיין,
ווען די מלחמה איז אין הויז צו מיר אריין,
און סמט מיר אָפּ דעם טאָג,
און סמט מיר אָפּ די נאכט
מיט זעונגען פון די וואָס פאלן אין דעם שלאכט.
און כ׳קאָן ניט משלים זיין מיט אָט דער ווילדער פיין —
צו וויסן אז עס קאָן ניט אנדערש זיין.

דער יידישער לערער

אין נאָוואָסיבירסק האָט זיך אָפּגעזוכט
א געוועזענער יידישער לערער.
צו אים איז דערגאנגען מיין יידיש בוך! —
וואָס קאָן איך נאָך וועלן מערער.

ער האָט געלייענט מיין בוך אין א לאנד,
ווען ער איז צו גאסט געפאָרן.
(עס איז אים מיין נאָמען געווען באקאנט
נאָך פון די דרייסיקער יאָרן).

געלייענט האָט ער א טאָג מיט א נאכט
מיינע לידער, יידישע לידער
פאר דעם ווי דער צוג האָט אים געבראכט
קיין נאָוואָסיבירסק ווידער.

אזוי דערציילט מיר מיין פריינד אין א בריוו.
ס'איז גענוג פונמיינעטוועגן.
דער נאָמען פון לערער? — ס'וואָלט זיין נאיוו,
ווען איך וואָלט ביי אים דאָס פרעגן...

אין מיטן זומער

א.

כ׳האָב הונדערט אָנהויבן געביטן,
און יעדער איז געווען ניט דער.
ביז כ׳האָב באשלאָסן, כאָטש ס׳איז שווער,
צו אָנהייבן פון סאמע מיטן.

דאָס בעסטע איז — פארשעפּן גלייך,
אָן קווענקלענישן און הכנות,
אין מיטן שטראָמענדיקן טייך.
איך קלייב זיך טאקע איצט צו טאָן עס.

דעם אָנהויב טיילמאָל שלעפּסט מיט גוואלד,
א סוף איז טרויעריק און פּיינלעך,
און אויפן מיטן נאָר, ווארשיינלעך,
די זיסע לאסט פון לעבן פאלט.

ס׳איז דאָס געדראנג דאָרט אזוי גרויס,
אז, אויב דו האָסט א גוטע ראיה,
איז כאפּ א פעדעמל ארויס,
וועט עס שוין ציען זיך און ציען —

אָט ווי די וואָרצלען ביי דעם שטאם,
צי ווי די ביימערדיקע צווייגן,
צי ווי די כוואליעס אינעם ים,
וואָס זייער זיין איז אין פארבייגיין.

ס'איז אלצדינג, אלצדינג אויסגעמישט
און דורכגעווינטיקט מיט א פרישקייט.
אין גאנג עס ווערט דיין וואָרט דערפרישט.
דו שטעל ניט אָפּ זיך אין צעמישטקייט.

די רגע, וואָס זיך גליטשט אוועק, —
ס'איז שווער דעם וואָרט איר נאָכצוטאָגן.
נאָר אָן דעם וואָרט וואָס וועקט און רעגט,
וואָס קאָן אליין די רגע זאָגן?

ווען שטומערהייט פארביי זי פליט,
דו כאַפּ זי אָן ביים קורצינק צעפּל
און גיב א תיקון אין דיין ליד
נאָך איידער ס'וועט די צייט זי קעפּן.

בלויז דאָס אליין פאר וואָס דיין פען
האָט מאָס און וואָג און פארב געגעבן,
דאָס וואָס דיין אויג האָט שארף דערזען,
אין אייביקייט וועט בלייבן לעבן.

טייל אויס, הויב אויף וואָס ס'איז כדאי
כדי דערזען זאָל קענען יעדער.
ס'קען אויפהויבן דער שפּיץ פון פעדער
דעם ריזיק־גרויסן וועלטגעביי.

נאָר ביסלעכווייז, ניט אלץ אינאיינעם,
דאָס נעם זיך גוט אין קאָפּ אריין.
דו זעסט דאָס זשוקעלע דאָס קליינע?
אויך דאָס איז ווערט באשריבן זיין!

פון דעם הויב אָן, צי פונעם גרעזל,
אזא, ווי דו האָסט עס דערזען.

ב.

עס איז מיר זיבן יאָר געווען,
ווען יענער אומגליק איז געשען, —

געשען אין מיטן העלן זומער,
אין מיטן טאָג, אין מיטן דאָרף,
אין מיטן לאָנקע... כ׳בין געקומען,
געטאָן זיך אויפן גראָז א וואָרף.

א פלאטערל איז דורכגעפלויגן,
געזעצט זיך אויף א בלימל־ברעג.
כ׳האָב מיט א גלאָז עס אָנגעדעקט,
זיך מיטן בליק ארייַנגעזויגן.

איך האָב פון אלץ, פון אלץ פארגעסן...
דאָס נפשל איז שטיל געזעסן,
און יעדעס פליגעלע באזונדער
באוויזן מיר: דו זעסט? גאָטס וווּנדער!

געטאָן האָב איך א הויב די גלאָז,
און אויף דער פרייַ עס אָפּגעלאָזט.

א לאנגן זומער א צעשטראלטן
פלעג איך, א זיבן־יעריק קינד,
די פלאטערלעך אזוי פארהאלטן,
דערנאָך זיי לאָזן מיטן ווינט.

אזוי פיל גליק פלעגט מיר פארשאפן
די שיינע אומשולדיקע שפיל
וואָס ווייט געווען איז פון געפיל
צו פייניקן און צו פארשקלאפן.

ווען כ׳פלעג אראָפּלאָזן די גלאָז,
מיין פלאטערל פלעגט זיין אין מיטן.
כ׳האָב דאָס מאָל שלעכט אראָפּגעלאָזט
די גלאָז. די פליגלען אָפּגעשניטן
האָב איך אים מיט איר שארפן ברעג...

איך טו די גלאָז א כאפּ מיט שרעק. —
אָ, פיין פון פינקטלעכן זיכרון! —
א מין סאָרט זשוק איז עס געוואָרן,
אויף קורצע פיסלעך ס׳קריכט אוועק...

און עפּעס עקלהאפטעס שטעקט
אין אָט דעם פלוצעם נעמען פויזען.
א שארפן ווייטעק האָט דערוועקט
אין מיר דאָס קריפּלדיקע אויסזען.

איך האָב אזש א געשריי געטאָן.
מיין קול האָט מאָדנע אָפּגעקלונגען,
צעחושט די גענדז. ס׳האָט ווער פון זיי
דאָס מיאוס באשעפעניש דערשלונגען,
אָן גראָז דעם שנאָבל אָפּגעווישט.
איך בין געבליבן ווי צעמישט.

ג.

אין יענער רגע — כ׳ווייס עס גוט!

כ׳בין מיט א מאל געוואָרן עלטער.
דער גרויל פון לעבן דער פארשטעלטער
האָט זיך אנטפלעקט אין איין מינוט.

ס׳האָט יענער צופאל מיך געגנויט —
אזוי האָט דעמאָלט זיך געטראָפן,
דערזען כ׳זאָל אומדערטרעגלעך אָפן
די קריפלדיקייט און דעם טויט.

דערנאָך, ווען עלטער כ׳בין געוואָרן,
אין שעהען פיין, אין רגעס פרייד
דעם צופאל פון די קינדער־יאָרן —
אין דעם בין איך זיך שווערן גרייט —
פארשיידנארטיק אָנגעווענדט,
און טויזנט הויטן כ׳האָב דערקענט.

די צייט טוט אונדזער הארץ פארוויגן.
אלץ לאנגזאם, שלעפעריק זיך בייט.
און דער וואָס ער פארלירט די פליגל,
איז עס צו ביסלעך, מיט דער צייט...

און ביסלעכווייז זיך צוגעוויינען
באשטייט דער גאנצער גרויל פון לעבן.
דו שרייסט... דו וויינסט... דו הערסט אויף וויינען...
דו ליידסט אין זיך... דו האָסט פארגעבן...

און דער ביי ווען ס׳האָט דאָס לעבן
די פליגלען לאנגזאם אָפּגעשניטן,
זיך פרייט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן
דעם טויט. עס איז אים פאַרט געלונגען,
עס האָט די גאנדז אים ניט דערשלונגען...

— — — — — — —

ס׳דוכט, יענער זומערטאָג נאָך דויערט.
דער הימל איז א זוניק־בלויער,
דאָס גרינס איז גרין, דאָס וואסער — פליסיק,
דיר איז נאָך גאָרניט איבערדריסיק,
און מיטן אויער כאפסטו אויף
דעם ניגון פון דיין בלוט־געלויף.

___*___*___

איך זאָג זיך

ווען האָסט א וואָרט, ניט מאַך פון אים קיין שורה.
ווען האָסט א שורה, צי ניט אויס זי אין א ליד.
דו ווארט אז דיין געזאנג זאָל אָנקוועלן מיט גבורה
און אָנפילן מיט שטורעם דיין געמיט.

עס זאָל ביי דיר ניט בעטן זיך, נאָר מאָנען.
און דו ווארט אויס, כאָטש ס׳וועט דיר זיין ניט גרינג.
ערשט דעמאָלט ווען ניט זינגען וועסט ניט קאָנען
און זינגען וועט דיר ווי טאָן, — דעמלט זינג!

זי שרייבט

געווידמעט אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן

זי זיצט ביי זיך אונטערן סאַמע דאַך,
און שרייבט, און שרייבט ווי פּימען דער מאָנאַך.

וואָס זי געדענקט, געדענקט שוין מער ניט קיינער.
איר קרענקט דאָס שווייגן פון מצבה־שטיינער.

אויף די וואָס האָבן קיין מצבה־שטיין —
זייי צווינגען רעדן קאָן בלויז זי אליין.

זי מוז באַווייזן אויסדערציילן אַלץ,
וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין איר ווי זאַלץ.

קיין טרערן מער ניטאָ אין האַרץ אין אירן,
זי זאָל מיט זיי כאָטש אָט דעם זאַלץ צעפירן.

נאָר ס'האַרץ איז ניט פאַרביטערט, ניט פאַרדאַרט, —
עס קלאַפּט נאָך שטאַרק, עס טוט אים וויי, עס אַרט.

איר מענטשלעכקייט — אַ ריטשקעלע אַ דינס
פרישט אָפּ די קברים ווי דעם שטיין — דאָס גרינס.

אין האַנט די פּעדער, אינעם האַרץ דאָס ליכט —
אָט לויכט שוין פון אַ קדוש דאָס געזיכט...

אַ סך נאָך וויכטיקעס אין שאָטן בלייבט.
מע דאַרף זיך צואיילן. — זי שרייבט און שרייבט...

אין א פשוטן מאָנטיק



א האלבער מעת-לעת

1.

די שפּעטע שעה ווי א געדעמפּטער טישטעך
שפּרייט אויס זיך אויף מיין טיש
און אויף די בלעטלעך די צענויפגעמישטע
די אותלעך פאַרווישט.

איז בלייב איך זיצן ווי איך ב י ן געזעסן,
איך האַלט די אויגן האַלב פאַרמאַכט.
איך טראַכט ניט וועגן דעם וואָס כ'האָב פאַרגעסן.
איך האָב פאַרגעסן וואָס איך טראַכט...

2.

עס בילט א הונט א שעה און צוויי און דריי
מיט רעגלמעסיקייט — אָט ווי א זייגער.
און ווען עס גייט די נאַכט פאַרביי,
גראָד דעמלט מאַכט ער זיך געפגרט.

אין דרויסן ווערט אינגאַנצן העל.
ס'איז גוט אַזוי די שטילקייט פילן!
און ביי דעם שלאָף שוין אויפן שוועל,
דעם הונט דערהער איך ווידער בילן...

פאַרטאָג

דער פיר־עק פונעם פענצטער איז נאָך זייער בלאס.
אין קאָפּ ווערט ליכטיק פריער איידער אויף דער גאס.
און פריער איידער אויף דער גאס, אין קאָפּ
כאַפּט אויף זיך אַלץ און לאָזט זיך אין גאַלאָפּ...

די בידנע קליינבירגער, די פּשוטע געדאַנקען,
צעהענגען שוין דאָס ביסל טראַכט־וועש אויפן פּלאַנקען —
אַ העמדל פון "מע מוז", אַ לייבל פון "מע קאָן",
אַ נאָזטיכל פון "ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן".

דערנאָכדעם כאַפּן אויף זיך די געדאַנקען־דענקער
און לאָזן זיך צום טעמפּן "מילא", צו דעם שענקער.

ווי קינדערלעך, ווי קליינע זין און טעכטער,
צעשפּילן זיך געדאַנקען פון געלעכטער.
זיי נעמען ליאַרעמען אין קאָפּ און שטיפן ברויזיק,
און קרימען אַלצדינג נאָך, און מאַכן חוזק.

דער לעצטער קומט דער קלוגיטשקער סך־הכל,
באַהאַנגען שווער מיט זעק, מיט הכל־בכל.
ער שלעפּט זיך קוים, באַלאָדן ווי אַ קעמל.
עס טאָגט. איך פאַל אַריין אין דרעמל...

אין א פשוטן מאָנטיק

אין א יומטוב־טאָג, קאָנטיק,
קומט אָן זעלטן די פרייד.
אין א פשוטן מאָנטיק,
אומגעבעטענערהייט,
קען זי אָנקומען גיכער
און ארומכאפּן דיך
אָט אזוי ווי א וויכער —
ווייל דאָס איז אומגעריכט.

פאר דער פרייד איז גראָד גינסטיק
א געווײַנלעכער טאָג.
אין א פשוטן דינסטיק
וואַרט זי אָפּ אויף א ראָג,
אין א הויף צי אין גאָרטן,
אין א פעלד וואָס איז הויל —
ווו דו טרעפסט זי נאָר, דאָרטן
מיט א מאָל ווערט דיר וויל.

אין א מיטוואָך־טאָג, אָדער
ס'מעג א דאָנערשטיק זײַן,
ניט געוואַרט, ניט געפאָדערט,
שטעלט די פרייד זיך ארײַן!
... נאָר איך בעט מיר פארגיבן:
פון די טעג פון די זיבן
וואָס פון זיי גייט א רייד,
איז שוין ווינציק געבליבן,
נאָר מע זעט ניט קיין פרייד...

א גאַסט אַזאַ

ער זיצט און זיצט,
און רעדט און רעדט,
רוקט צו די טיי
און רעדט, און רעדט,
ער טרינקט די טיי
און רעדט און רעדט,
שטעלט אָפּ דעם גלאָז
און רעדט און רעדט...

און ניט ער הערט,
און ניט ער זעט,
ער רעדט און רעדט,
כאָטש ס'איז שוין שפּעט.
ער זעגנט זיך
און רעדט און רעדט,
און לאָזט דיך ווי אין הינערפּלעט...

אליין און מיט אלעמען

ס׳איז גוט צו זיין אליין,
און האָבן אלעמען ארום.
מע זאָל דיך בעטן: — קום! —
און דו קענסט זאָגן — ניין,
כ׳בין גראָד פארנומען,
כ׳האָב צוגעזאָגט א צווייטן קומען. —
און צו דעם צווייטן אפשר אויך ניט גיין.
נאָר וויסן: ווען ס׳פארגלוסט זיך דיר,
איז קאָנסטו עפענען א טיר,
דו האָסט מיט וועמען אויסריידן א וואָרט.

נאָר ס׳איז פארשפאָרט
צו ריידן וועגן דעם
ווי ס׳איז דיין הארץ אין קלעם
ווען ביסט מיט אלעמען און דאָך אליין.

דאָס קאָן נאָר דער פארשטיין,
וואָס אין א שיינעם טאָג האָט ער דערפילט
אין רעבטן טומל ווי ס׳איז טויט און שטיל,
ווי אויערן אויף אויסהערן ניט טויגן,
ווי ס׳קוקן אויף אים בלינדע אויגן...
און לאך זיך אויס צי ביטער וויין,
ביסטו — מיט אלעמען — אליין.

* * *

כ׳קאָן ניט פארשטיין וואָס דיך פארדריסט
ווען ס׳וואקסט א בלימל אויפן מיסט.

דעם מיסט באמערקט דאָך ניט דאָס בלימל. —
אבי עס וואקסט אונטערן הימל!

דו קוק זיך ווינציקער ארום,
שטרעק צו דער זון זיך ווי די בלום.

מצליח זיין

מצליח כ׳זאָל זיין
קיין צוריקטריט ניט מאכן,
נאָר ווייטער און ווייטער אלץ גיין
אין דער ריכטונג —
צו ריידן פון פּראָסטע טאָגטעגלעכע זאכן
אזוי אז ס׳זאָל יעדער פארשטיין
אז ס׳איז ריכטונג.

כ׳זאָל קאָנען געפינען
וואָס גרויס איז און זעלטן
דאָ, אונטער די שטויביקע טריט,
אונטערוועגנס. —
אז איינער דעם צווייטן זאָל שטוינענדיק פרעגן:
— אויף יעטוועדער טראָט גאָר
אומשטערבלעכע וועלטן ?!

פאַרנומענקייט

ס׳איז מיין פאַרנומענקייט פון גאָרניט טאָן.
כ׳נעם עפּעס טאָן כדי צו זיך ניט קומען.
געקומען כ׳וואָלט צו זיך, נאָר כ׳בין פאַרנומען.
עס ליגט א נייע ליד מיר אויפן גומען, —
אנטלויף איך איידער נאָך זי הייבט זיך אָן...

ווייל כ׳ווייס, איך וועל ניט אָפּקומען דערמיט.
איין ליד די צווייטע ציט, און ס׳נעמט מיך בריען.
ווי עמעצער וואָלט פאַרן צונג מיך ציען.
און יעדעס וואָרט איז ווי א מעסערשניט. —
איז זאָג איך גאָרנישט ניט, איז טו איך גאָרנישט ניט.
כ׳האָב מיט פאַרנומענקייט מיין ליד פאַרשריען.

ס׳איז מיין פאַרנומענקייט — א וויסטער פעלד.
כ׳וואָלט אלע טועכצן געוואָרפן גערן.
כ׳בענק נאָך דעם לייזיקגיין דעם ביטער־שווערן.
פון אלץ זיין פריי היינט, דאַרף מען זיין א העלד.
מיין קאָפּ איז הונגעריק. מיר ווילט זיך קלערן, קלערן...

מיין חלום

און וואָס אין א חלום נאָר חלומט זיך נישט!
...בענק און בענק, און א לאנגער טיש.

וויל איך זיך צוזעצן אויף א באנק —
ליגט א כתב־יד דאָרט, די טינט אויף אים בלאנקט.
וויל איך זיך אָנשפּארן אויפן טיש —
ליגט א כתב־יד, איז די טינט אויף אים פריש.
פונעם טיש אויף די בענק דאָס געשריבעכץ הענגט.
און איך — איך שטיי נאָך א וואָרט פארבענקט.
איך קאָן נישט שרייבן אויף טיש און אויף בענק...

61 13/11

צייט

דעם אָנדענק פון דוד ספארד

ס׳איז גוט אויף געסט צו ריכטן זיך.
ס׳איז אַלץ נאָך ווי געוועזן.
כ׳וועל טיי באלד צושטעלן אויף גיך,
ארויסנעמען די גלעזער.

דערהערן כ׳וועל א גלעקל־קלאנג,
ארויסלויפן אנטקעגן . . .
און תיכּף וועט אוועק א גאנג
פון ענטפערן און פרעגן,

און ווי צוריק מיט (וויפל יאָר ? . . .)
מע וועט זיך אַלע פרייען.
עס האַלט זיך פעסט נאָך אונדזער דור,
כאָטש טעג און נעכט פארגייען.

דערווײַלע נאָך מײַן טאַטע לעבט,
מיר פּרוּוון זײַן נאָך מונטער.
. . . נאָר פּלוצים הער איך, פון די טרעפּ
פאַלט עמעצער ארונטער !

איך לויף ארויס און טו א קוק —
ס׳נעמט ווארפן מיך אין פיבער.
עס ליגט א טויטע אויפן ברוק
די צייט, וואָס איז אריבער . . .

מיין נעבטיק לעבן

איך קלאפּ אין דער טיר פון מיין נעבטיק לעבן.
נאָר עמעץ זאָל דאָרטן א ריר זיך כאָטש געבן!

ניט אנדערש, מע האָט זיך געגעבן א נדר
אזא: ניט ארויסגעבן גאָרניט פון חדר.

און ווער אין מיין דמיון ביים טיש איז געזעסן,
געבליבן איז זיצן און אויפשטיין פארגעסן.

און ווער ס'האָט געלאכט, האָט נאָך — טאטעלע ליבער! —
דאָס מויל ניט פארמאכט ווי די צייט איז אריבער.

מיין נעבטיק לעבן אנשטומט איז, אָן לשון.
ס'האָט הינטער דער טיר די שיין זיך פארלאָשן.

מיין נעבטיק לעבן, וואָס שווייגט עס, ווער ווייס אים?
דאָרט הינטער דער טיר זיינען אלע שוין מתים!

איך קלאפּ אין דער טיר, נאָר איך ציטער א צי טאָן —
מע זאָל ניט ארייַנשלעפּן מיך אינדערמיטן...

בית-הקברות

דער אלטער קריג צעווישן ביין און שטיין,
וואָס קיינמאָל קאָנען זיי זיך ניט פארשטיין.
דער ביין ט׳געלעבט.
דער שטיין — פארשטייט זיך, ניין.
דאָס גראָז ארום — דאָס איז דאָס לעבן דאָך אליין! —
עס לייקנט שטיין און ביין.

די האַרפּע

מיר׳ן מער ניט שפּילן אויף דער האַרפּע.
מיר׳ן מער די האַרפּע ניט באַדאַרפֿן.
וועט זי מיט איר ווינקל מיט איר שאַרפֿן
אויפֿן וואַנט א גרויען שאָטן וואַרפֿן.

ווי א פֿליגל פֿון א ריזן־פֿויגל,
וועט די האַרפּע שטיין אונדז פֿאַר די אויגן.
אָבער מיר, מיר וועלן מער ניט שפּילן.

בלויז א ווינטל אין אן אָוונט אין א קילן
וועט אויף איר א גרימפּל טאָן א שטילן.
וועלן מיר די אַלטע פֿרייד דערפֿילן.
וועלן מיר די אַלטע פּיין דערפֿילן.

ווי יענער בוים

אָט ווי איר קוקט מיך אָן,
איך שטרעק זיך ווייט. —
איך קלאַמער זיך נאָך אָן דער מאַמען
און דויער ווייטער אין מיין זון.
און ווייל ער האָט קיין אייניקל מיר ניט געגעבן,
בין איך ווי יענער בוים, וואָס מיט די וואָרצלען
האָט אָנגעטאַפּט אַ שטיינערדיקן גרונט
און אויפגעשווידערט מיט די בלעטער.

שוואַרץ און ווייס

און וויפל כ׳זאָל ניט לעבן, איז פאַר מיר א נייס,
אַז שוואַרץ איז אויך אַזוי פיל שוואַרץ,
אַז ווייס איז אויך אַזוי פיל ווייס.
דאָס איז צוליבן האַרץ,
וואָס אויף דעם שוואַרצן וואַרפט א ביסל ליכט,
וואָס אויך אויף בלויזער ווייסקייט זיך ניט ריכט.
און ווייס דורכאויס, און שוואַרץ דורכאויס
איז תמיד פאַר מיר אומגעריכט.

נאָר ווי מיין וווּנדער איז ניט גרויס,
איז — הערט א מעשה! —
כ׳בין גרייט צו גלייבן אַז פיל ווייסער איז דאָס ווייסע.
נאָר אַז דאָס שוואַרצע זיין זאָל אַזוי שוואַרץ,
ניט פעיק גלייבן איז מיין האַרץ.

א בילד אויף דער וואנט

עס זיצן דריי עלטערע פרויען
צונויפגערוקט נאָנ׳ט און פארטראַכט.
צו זען נאָכן פאָן נאָכן גרויען
אז ס׳גייט שוין די צייט צו פארנאכט.

עס איז פון אָריענט זייער עדה.
די פולבלעכע גופים פארקלעקט.
די טונקעלע טיכער און קליידער
זיך גיסן צונויף אין איין פלעק.

די הענטלעפל — איינס אויפן צווייטן,
אזוי אומגעלומפערט און גרויס, —
ביי יעדערער אויף איר צעשפרייטן
אין שאָטן באהאלטענעם שויס.

דריי פרויען . . . אין בליק אין דעם ווייכן
אן אומעט ארייננעטריפט איז.
ביי איינער פון דרייען זיך בלייכן
די שווערע, געשוואָלענע פיס.

די פיס אָט די ברייטלעך צעשטעלטע, —
זיי זיינען דער צענטער פון בילד.
זיי ריידן פון מידקייט, פון עלטער,
פון וועגן וואָס זיינען פארשפילט.

אין שפּיגל

מאטעסעס אָנדענק

דער וואנטשפּיגל וואָס האָסט געבראכט
אין אונדזער נייער דירה,
געשפּיגלט האָט די ערשטע נאכט
די פּוסטע ווינקלען אירע.

ער האָט אויך אָפּגעשפּיגלט מיך,
מיין מאן, מיין זון, און זעלטן —
די געסט וואָס קומען אומגעריכט
פון פרעמדע ווייטע וועלטן.

צעווישן די געציילטע פריינט
פון די ישראלער יאָרן
וואָס כ׳וויין אויף זייער קבר היינט,
אויך דו ביסט ניט געוואָרן...

פון דעמאָלט (ווי איז עס געשען,
איך הייב ניט אָן צו אנען)
אין שפּיגל, וואָס איז זאָל ניט זען,
ביסטו דאָרט אויך פאראנען...

אלצאיינס

מיין בארג־ארויף מיט פולע עמער
האָב איך געענדיקט, ווי ס׳זעט אויס.
באוואסערט כ׳האָב זיין הארטן שויס
און אָנגעפּאָיעט אויף די לעמער.

דער וועג נעמט פירן אויף אראָפּ.
און יעדער שטיין פון בארג פון הויכן
קוקט אויס אז ווערן כ׳זאָל געשטרויכלט.
נאָר כ׳האלט ווי פריער הויך דעם קאָפּ.

כ׳האָב אויסגעפילט מיין חוב. און וואָס ?
אלצאיינס בלייבט הארט פון ערד דער אור־שטיק.
די לעמער זיינע בלייבן דורשטיק.
די זון וועט אויסברענען דאָס גראָז.

יאָרצייט-ליכט

אין בלעכן פּושקעלע די יאָרצייט-ליכט —
איר פלעמל ציטערט פון דעם טרויעריקן פליכט
צו אויסטאנצן דאָ אויף דעם שפּיץ פון קנויט
די גסיסה פון א מענטש, וואָס איז שוין טויט.

דאָס פלעמל טאנצט. פון יעדן קער און בויג
א נאכט איך קאָן ניט אָפּרייסן דאָס אויג.

א בלאסער אָפּשיין שלאָגט זיך קאָפּ־אָן־וואנט.
דער בונד פון טויט און לעבן קומט צו שטאנד.
און איינשלאָפנדיק כ׳טו א טראכט: ס׳קאָן זיין,
א דיבוק איז אין אָט דער ליכט אריין . . .

* * *

ווי נאָר איך שטיי אויף פרימאָרגן,
וואכן אויף מיט מיר אינאיינעם
אלע דאגות, אלע זאָרגן —
גרויסע, מיטעלע און קליינע,
און זיי שטעכן מיך און פיקן,
און זיי ברעכן מיך און דריקן...
טו איך אלץ — איר מעגט זיין זיכער —
זיי צו איינשלעפערן גיכער.

כ'רייד זיי איין ווי קינדער קליינע,
מעשהלעך כ'דערצייל זיי שיינע,
ביז זיי פאלן פון די פיסלעך
און זיי שלאָפן איין צו ביסלעך.
און צוזאמען מיט די זאָרגן
שלאָף איך איין אליין ביז מאָרגן.

צו די וועלף

א גאָט העלף אייך, וועלף!
דער זייגער איז שוין צוועלף,
און איר האָט נאָך קיין פרישטיק ניט געגעסן...
זעט אויס, די שאָף האָבן פארגעסן
אייך מאכן זאט מיט זייער פלייש און בלוט.
דאָס איז פון זייער זייט ניט גוט:
איר זייט דאָך הונגעריקע,
הונגעריקע,
הו־הו־הו, גיריקע!...

אזעלכע אויגן

די אלטע פרוי מיט אירע טיפע אויגן
ווי נאכטיק־שווארצע כישופדיקע ברונעמס,
ווי נאָר מיר האָבן זיך אין הויז אריינגעצויגן,
איז מיט א ווארעם וואָרט צו אונדז געקומען.

זי האָט געזאָגט: אויף יידיש הייס איך גוטע
איר האָט געפאסט דער נאָמען אויסגעצייכנט.
זי האָט צו אונדז געשמייכלט ווי א מוטער
וואָס ווארט די קינדער זאָלן פיל דערגרייכן.

מיר האָבן גלייך אין איר א פריינד דערוואָרבן.
און היינט דערהער איך, טובה איז געשטאָרבן...
די שיינע, גוטע טובה איז נישטאָ שוין.
אזעלכע אויגן ווערן אויך פארלאָשן?...

איך שאטקעווע קרויט

ווייל ס׳איז פון אינדערפרי מיר שלעכט צום טויט,
האָב איך גענומען ...איינזויערן קרויט.
דריי מערן אָפּגעשיילט, און זאלץ אוועקגעשטעלט,
דאָס קעפּל קרויט צעשניטן אויף דער העלפט,
און אויף דעם ניט געפּארבטן סאָסנעטיש
איך שאטקעווע די קרויט, וואָס שמעקט מיר פריש.

גיי פרעג מיך צוליב וואָס איך דאַרף די קרויט!
די מאמע קומט ניט, דער טאטע איז שוין טויט,
דער זון באזונדער ווינט און ווייסט ניט וואָס ער עסט.
פאר געסט? איז קומען ניט צו אונדז קיין געסט.
מיין מאן? ער טאָר קיין זאלץ ניט אויף א האָר.
נאָר איך, איך שאטקעווע די קרויט און גאָר!

די קרויט וועט פארטיק ווערן, קאָן געשען א נס —
די מאמע וועט אראָפּקומען צו געסט,
מיין מאן וועט מען דערלויבן עסן זאלץ
און ער וועט בעטן זויערקרויט צו אלץ.
דעם זון וועט אויך דער מאכל ניט פארשאטן.
עס וועלן קומען חברים פון מיין טאטן,
אויף אלץ וועט אָנטאָן זיך א נייע הויט.
...איך שאטקעווע און שאטקעווע די קרויט.

ווייטקייט

אז איך בין ווייט פון דיר,
און דו ביסט ווייט פון מיר,
און איך מיט דיר, מיר זיינען ווייט פון זיי,
איז קאָן דאָך ניט דערגיין קיין הויך,
קיין קלאנג,
קיין ריר,
און ס׳בלייבט אין מיטן וועג פארשטיינערט דער געשריי.

אז איך בין ווייט פון דיר,
און דו ביסט ווייט פון מיר,
און זיי זיינען פון אונדז אזוי איצט ביטער ווייט,
איז פילן מיר אויף זיך פון ווייטקייט דעם געפריר,
די אימה און די שרעק
פון מהלך און פון צייט.

און איך פארגעס שוין דיך,
און דו פארגעסט שוין מיך,
און זיי פארגעסן דיך און מיך און אלץ...
און ס׳לאָזט זיך אויס די פרייד,
און ס׳וועפּט זיך אויס דאָס ליכט,
און ס׳בלייבט פון גאנצן ים א שיכט פון גרויען זאלץ...

צום גורל

ניט טשעפּע זיך דו נאָר צו מיר,
וועל איך דיך ניט אויספּרעגן, גורל.
און רואיק כ'וועל זיין אָן א שיעור
ווי יענץ תמוואטע פויערל.

דעם טאָג וועל איך עסן ווי ברויט,
איך וועל מיט דער נאכט אים פארטרינקען.
וואָס דארף מען דען טראכטן פון טויט?
אים ברענגען אפילו א בין קען.

זי קאָן דאָך נאָך געבן א ביס,
דער גיפט זאָל דערגיין ביז צום הארצן.
נאָר ביז ס'איז איר האָניק מיר זיס,
צו וואָס זיך דאָס לעבן פארשווארצן?

דערצייל מיר ניט, גורל, מיין סוף.
וואָס דארפסטו אז מיך זאָל פארדריסן?
ער איז דאָך א מוז, ניט קיין שטראָף, —
א מוז, וואָס מע מוז אים ניט וויסן.

יום-כיפור ביינאַכט

איך שלאָף ניט. יום־כּיפּור ביינאַכט.
די נאַכט פון פאַרגעבונג איז לאַנג.
ווער וועט מיר פאַרגעבן די מאַכט,
וואָס ס'האָט איבער מיר מיין געזאַנג?

ווער וועט מיר פאַרגעבן די זינד
פון זיין אַזוי האָפּערדיק־ווילד,
פון זיין ביז אין טויט אַלץ אַ קינד,
וואָס שפּילט זיך און שפּילט און
פאַרשפּילט?

פאַרגעבן די חוצפּה ווער וועט,
אויב ס'איז איצט פון משפּט די צייט,
מיין האַלטן אין כּבוד דעם חטא —
צו פריי זיין פון גאָט און פון לייט?

איך שלאָף ניט. כ'הער צו זיך צום ווינט.
די נאַכט פון פאַרגעבונג איז שוואַרץ.
ווער וועט איר פאַרגעבן די זינד —
צו לייגן אַ שטיין אויף מיין האַרץ?

קעסטעלער

כ׳האָב מיין מאמעס כישוף־קעסטעלער,
פול מיט גאָרנישט און מיט נישט
נאָר וואָס זיינען אומפארגעסלער,
אויסגעשטעלט היינט אויפן טיש.

כ׳האָב געעפנט זיי, די פּיצעלער —
איינס א שיינס פון ציילאָן־טיי —
קנעפּלער, שנירלער, העקלער, שפּיצעלער,
און אפילו שרייפלער צוויי...

אין א שמאָל רפואה־שאכטעלע —
שטיקלער פּאָדעם — ריינער וואָל...
ס׳האָט באפאלן מיך א טראכטעניש
פון מיין ווארעמען אמאָל.

אפשר ליגט דאָ יענץ אָ שרייפעלע
פון דער אלטער זייגער־צייט,
וואָס פון אונטער פּאָדעם־הייפעלע
אָן א קול פון שאכטל שרייט?...

צו מיין מאמען

אבי דו זאָלסט נאָר עסן —
אלץ פאר דיר כ'וואָלט אָפּקאָכן.
אבי דו זאָלסט נאָר אָנטאָן —
אלץ פאר דיר כ'וואָלט אויפנייען.
אבי דו זאָלט זיך פרייען —
אלץ פאר דיר כ'וואָלט צוטראַכטן.

נאָר קיין זאך ווילסטו,
מיין צעבראָכן פייגעלע.
אוודאי בין איך שולדיק,
איך און קיינער מער.
געדארפט אין זיינער צייט
דיך בעסער אָפּהיטן,
און ניט דערלאָזן
זאָלסט פון נעסט ארויספאלן...

אין א ווינטיקן טאָג

אין א ווינטיקן טאָג
קוים דעם קאָפּ ווי א קרוג אויף די פּלייצעס איך טראָג...
גאָר די ווייט מיט פארגיכערטער צייט טוט א יאָג.
קומט צו טראָגן דאָס מיסט פון הינטערן ראָג.

אין א ווינטיקן טאָג
כאַפּן אויף זיך אין מיר ווײ און ווינד.
ערגעץ שפּאַנט דאָ אין שטאָט מיין דערוואָקסן קינד,
אלץ ווייטער פון מיר פארבלאָזט אים דער ווינט...

אין א קאלטן א ווינטיקן טאָג
קלעפּט זיך צו צו מיין ווארעמען פענצטער א טויב
פון יענער זייט שויב,
נאָר דערשרעקט זיך און טוט זיך א הויב,
און פארשווינדט,
א געיאָגטע פון ווינט...

אין א גרויען, א ווינטיקן טאָג
קומט אנטקעגן די וועלט מיט איר יאָמער און קלאָג,
און עס הערט זיך שוין גוט,
ווי דער בוים רייבט א רוט אָן א רוט,
און דער הימל, מיט וואָלקנס באשווערט,
ווי א ריזיקער פּאראשוט,
פאלט און פאלט צו דער ערד...

אין א ווינטיקן טאָג
צערייסט פונעם ווינט זיך אלץ וואָס איך זאָג,
און אלץ וואָס איך טראַכט
ווערט פאַרשלעפּט דורכן ווינט צו דער נאַכט.
אויך דיך האָט דער ווינט מיט א קלאַפּ היינט פאַרמאַכט.
און איך פריר לעבן דיר,
ווי פון דרויסן־זייט ביי א פאַרשלאָסענער טיר.

אקוואריום

אונדזערע היימישע גאָלדענע פישעלעך
שטאַמען פון קאַרעסן געבראַכטע פון כינע.

גאָלדענע פישעלער,
גליטשיקע גופימלעך,
ווײַדעלער פלינקע,
פארגלייזטע פרצופימלעך,

שפיציקע פיסקעלעך,
גלאַנציקע ליסקעלעך
לויכטן זיך העל,
ווען אין צימער איז פינצטערלעך.

וואסער־געוויקסן
און שטיינדלעך
און מושלען.
ס׳פעלט נאָר סך־הכל
די רחבות זאָל בושעווען.

זייערע אבות
די קאַרעסן גאָלדענע,
האָבן אזוינס
פאר די קינדער געוואָלט דען ?

קאַרעסן פרייע
פון טייכן כינעזישע . . .
ווייסן די פיצלעך
פון זייער גענעזיס דען ?

כ׳וויל ניט חלילה
מיין סביבה פארמסרן,
אָבער ווו זיינען
די שטראָמיקע וואסערן ?

* * *

וויפל העפטן האָב איך אויסגעשריבן,
טאשביכלעך און בייגעלעך פּאַפּיר...
מער פון העלפט אין רוסלאנד איז געבליבן.
דאָ — די טישקעסטלעך געפּאַקט ביי מיר.

נאָר פיל מערער, מיט א כתב א שווערן,
ס׳איז קיין איינציק וואָרט ניט צו פארשטיין,
איז פארקריצט געוואָרן אויף מיין שטערן —
ניט צו איבערשרייבן שוין אויף ריין...

צו יוכבד

יוכבד, יוכבד!
וואָס האָסטו זיך קינד מיינס, צערעוועט?
דו ביסט דאָך א סאברע.
דיינע טאטע־מאמע,
וואָס האָבן זיי נאָר ניט צעארבעט! —
פון דעם לאנד הינטער בערג און ימען,
דעם לאנד פון וויוגעס און שנייען
געקומען דו זאָלסט זיך דאָ פרייען.

יוכבד, יוכבד!
וואָס האָסטו א טבע
איבערצושלאָגן...
דיינע טאטע־מאמע
האָבן געוואָגלט.
באָבע זיידע —
אומגעקומען ביידע
אין מיידאנעק.
דו האָסט ניט פארשטאנען?...
כ׳וועל דערציילן, נאָר ניט אצינדער.
די מעשה איז ניט פאר קינדער.

הער איצט בעסער א מעשה
וועגן א מעווע א ווייסער
וואָס האָט איבערן ים זיך געטראָגן...
יוכבד, יוכבד!
האָב ניט קיין טבע
איבערצושלאָגן...

אפיקים

ווי נאָר געקומען אין קיבוץ,
אזוי דערהער איך באלד
דעם זינגפויל און שרייפויגל
אין ביימער־אויסבאהאלט.

ס'איז אויך פאראן א קרעכצפויגל.
אים האָט געטאָן וועד שלעכטס ?
ער לאָזט ארויס פון צייט צו צייט
אזא מין שטילן קרעכץ

און ווערט אנטשוויגן גלייך אויף לאנג.
און ווידער אומגעשטערט
דעם מאכלדיקן זינגפויגל,
דעם שרייפויגל מע הערט.

ס'איז אויך פאראן א פרעגפויגל,
א נפשל א בלויס.
עס לאָזט א פיצל פראגעלע
פון העלדזעלע ארויס.

נאָר קיינער ווייסט קיין ענטפער ניט,
און וואָס דאָס פרעגן הייסט.
דער זינגפויגל, דער שרייפויגל,
דער קרעכצפויגל ניט ווייסט.

עס טרעפט צו מאָל, דער לאכפויגל
טוט חוצפהדיק א לאך.
ווי איינער זאָגט : זיך נאָכפרעגן —
אן איבעריקע זאך !

איז מסכים באלד דער זינגפויגל,
דער שרייפויגל אויך באלד.
עס שטימט אויך צו דער קרעכצפויגל,
וואָס זיך אין בוים באהאלט.

א פיל

כ׳ליג א נאכט און קאָן ניט שלאָפן.
האלט איך מיינע אויגן אָפן.
און ארום איז שווארץ און שטיל...
מוז איך איינגעמען א פיל.

״פיל״ איז אויף עברית א העלפאנד.
נעם איך איין א גאנצן העלפאנד!
נאָר עס הייבט ניט אָן צו העלפן...

און א העלפאנד איז דאָך גרויס —
טאָרטשעט ער פון מיר ארויס.
ער האָט מיך גאָר איינגענומען!
האלט מיך אויף זיין ווייכן גומען.

מיך מיט קישן און מיט קאָלדרע
האָט ער — ווו איז עס געמאָלט דען?! —
איינגענומען ווי א פיל!
ווייל דער העלפאנד שלאָפן וויל...

ציבעלע-קראנצן

זויער, זיס און ביטער

פאַראַנען עפּל זויערע.
ניטאָ קיין זיסע לימענעס.
וואָס ווערן מיר געוווּיר דאָ?
א סימן... ס'איז קיין סימן ניט!

אויך ביטערע פאַראַנען ניס.
ניטאָ קיין זיסער זענעפט איז.
אז גאַל, למשל, זיין זאָל זיס
האָט איר געהערט דען ווען עס איז?

נאָר ס'קאָנען זיין ביי אונדז די רייד
סיי זיסע און סיי ביטערע.
די זיסע זיינען ביטערער —
דאָס ווייסן די געניטערע.

ציבעלע-קראנצן

פאַרוואָס ניט באַלוינען די זיגער מיט ציבעלע־קראַנצן?
די גאָלדענע ציבעלע־קראַנצן — ווי הערלעך זיי גלאַנצן!
דאָס שאָרכן פון זייערע זיידענע קליידער רופט טאַנצן.

דעם רום דעם צעפּויקטן די צייט וועט אמגיכסטן צעררייבן.
די ציבעלע־קראַנצן, זיי וועלן אויף ווינטער פאַרבלייבן.
מע׳ט קאָנען די ציבעלעס עסן געקאָכטע, געפּרעגלטע, רויע...
זיגער! דו זע, אין די לאָרבער־קרענץ זיי זיך ניט טועה!

אַן אײדל־שפּאַציר

עס לאָזט זיך אַ מײדל
אין גאָרטן. זי פֿירט
איר ליבלעכן פֿרײנד
אויף אַן אײדל־שפּאַציר.

און װאָס איז אין גאָרטן?
אַ רו־באַנק איז דאָרטן
מיט בלומען אַרום איר
פֿון אַלע מין סאָרטן.

דאָס מײדל שפּאַצירט
מיט איר פֿרײנד אַזוי לאַנג
ביז װאַנען
זײ זעצן זיך צו אויף דער באַנק.

נאָר ס'װאַרט בײַ דער באַנק שױן
אַ הינטל פֿון פֿריִער
און הילכיק צעבילט זיך
אויף אים און אויף איר,

און פֿאָכט מיטן װײדל,
און פֿירט זיך ניט אײדל,
און צופּט בײַ דעם מײדל,
דעם ברעג פֿון איר קלײדל.

אוןביידן, דעם פריינד
און זיין מיידל, טוט באנג,
וואָס תיכּף זיי מוזן
פֿאַרלאָזן די באנק.

נאָר ס׳דראָט די געפאַר ניט
ניט דיר און ניט מיר.
מיר וועלן ניט מאכן
קיין איידל־שפּאציר.

טעאַטער־שפּיל

טעאַטער־שפּיל איז ביי דער וועלט אין בלוט.
עס ליגט אין דעם א גרויסער שכל!
אפילו קינדער שפּילן גוט.
מלוכה־לייט — די שפּילן אויסגעצייכנט.

און וואָס זיינען פּאראַדן, ניט קיין שפּיל? —
אָלימפּיאַדעס, פעסטיוואַלן בונטע,
די שפּיל פון גאָטעסדינסט איז אויך דערונטער.
א שיינע אויסקומעניש יעדער וויל.

היינט ווי צום אָנשטעל זיינען מיר געניגט!
אלץ אויסגעחזרטע מיר ריידן ווערטער
מיט א נאַטירלעכקייט אזא, און — הערט נאָר! —
מיר טוען ניט קיין פינטל מיט קיין אויג.

מיר מאכן זיך פאַרחידושט, גליקלעך, פרום,
אלץ — איינצעבערעכן יענעמס קראַפט און ווילן.
אויף דעם, וואָס קאָן ניט אָדער וויל ניט שפּילן,
די גרויסע "מייסטערס" קוקן זיך ניט אום.

נאָר דו פאַרשטייסט, מיין לייענער, זיכער כ'בין,
אז דאָס איז אלץ געזאָגט דאָ מיט א שמייכל.
דאָס אלץ איז "טעאַטער" פון אן אנדער מין, —
האָט ניט צו טאָן מיט קונסט און מיט איר היכל.

אין א שלאָס צי אין א פּאלאַץ

אין א שלאָס צי אין א פּאלאַץ
וואָלט איך לעבן ניט געוואָלט.
כ׳דארף ניט האָבן אָט דאָס אלץ:
סאמעט, מירמלשטיין און גאָלד...

היינט די אויפנאמען כסדר! —
פאלשע שמייכלען, פּוסטע רייד...
זיך פארשפּארן אין א חדר —
ס׳קאָן ניט זיין פון דעם קיין רייד.

— ס׳פּאסט ניט! — שעפּטשעט דער געמאל מיר.
— ס׳פּאסט ניט! — ווינקט דער זון, דער לאָרד.
גייען מיר אונטער דער פּאלמע
טרינקען אָוונט־טיי מיט טאָרט.

הילכט א ריזיקער אָרקעסטער,
און אן עולם — קעפּ אויף קעפּ...
איצט גראָד איז די צייט די בעסטע
צו אנטלויפן! טירן... טרעפּ...

האָב איך זיך ארויסגעריסן!
ליבער וועג, אהיים מיך פיר!
אינעם פירהויז מיטן שליסל
עפן איך מיין שמאָלע טיר.

ס׳ארא שטויב! איך נעם זיך ראָמען.
אָט בין איך שוין מיד צום טויט.
כאָטש אין קלייטל ניט פארזאָמען,
כ׳זאָל ניט בלייבן היינט אָן ברויט.

ביי די היינטיקע וועטערן

„אמת, זי איז ניט קיין בארג־קלעטערין
און ניט קיין פעלדזן־רייסערין"...

(פון א קריטישן ארטיקל)

אוודאי, אוודאי! א נייעס איז דען? —
ביי די היינטיקע דיכטונג־וועטערן
בין איך ניט קיין פעלדזן־רייסערין,
בין איך ניט קיין בארג־קלעטערין.
איך בין ניט קיין קאנאטן־גייערין,
ניט קיין איבער־אָפּגרונט־שפּרינגערין...
ביי דעם גאנצן ווילקלאנג זייערן,
די מלאכות איך האלט גראָד פאר גרינגערע!

קיין סופּערלאטיוון פארטראָג איך ניט —
מיך עקלט פון איבערגעטריבנקייט.
דאָס וואָס איך פיל ניט זאָג איך ניט.
איך קרענק ניט אויף לויז־צעשריבנקייט.

זיין ניט בארימט איז א שאנדע דען?
איך וועל זיך באגיין אָן באגיטיקער.
און זאָלן זיך צאצקען מיט אנדערע
מיינע ניט גינציקע קריטיקער.

לאמיר אָפּריידן

לאָמיר אָפּריידן
איין מאָל פאר אלע מאָל —
ניט מיאש זיין זיך
בשום אופן! —
ווער דאָס בייז פון אונדז
איין מאָל פאר אלע מאָל
ווי דער שווארצער פעפער וואקסט
אנטלויפן.

עס דונערט אין אָקאָליצע

פּאַראָדיע אויף זיאמע טעלעסינען

עס דונערט אין אָקאָליצע —
עס קייקלען זיך די קלעפּ...
ווי פון דער הימל-פּאָליצע
געפאלן וואָלטן טעפּ, —

דער הויכער טאָפּ פאר סמעטענע,
דער הליאָק און דער טשוהון.
די קלאדקע קאָן די ברעטערנע
צעשפאלטן זיך דערפון!

א בהמה גאָר דער וואָלקן איז!
מיט וואסער אָנגעפּוישט,
ער שווימט א ניט געמאָלקענער,
אין זיינע אייטערס רוישט...

צוויי לאָשעקעס קאשטאנעווע,
זיי טאָפּטשען דעם בוריאן...
. . . .
גענוג! איך מוז אים שאנעווען,
ער איז דאָך פּאָרט מיין מאן!

אָט אַזוי איז עס

דיר געפעלט
ווען עס רעדט וועגן דיר די וועלט?
פאַר מיר איז די וועלט — דו און מיין שכן,
און מיין שכנה וואָס איז אַלט און צעבראָכן,
און אַ צענדליק צוויי קאָלעגן,
און די וואָס איך גריס זיי פון יוצא־וועגן,
און יענע וואָס איך קאָן זיי ניט אינגאַנצן
(ווען איך וויין, גייען זיי אפשר טאַנצן).
איז דאַרף מען דען זיין אַ גרויסער העלד,
עס זאָל וועגן דיר ריידן די וועלט?

שרייב איך אָן אַ נייעם שיר,
איז עס נייטיק מיר, און אַמאָל — דיר,
אָבער ניט מיין שכן,
און ניט מיין שכנה, וואָס איז אַלט און צעבראָכן,
און ניט די צוויי צענדליק מיינע קאָלעגן,
און ניט די וואָס איך גריס זיי פון יוצא־וועגן.
שוין גיכער יענע, וואָס כ׳קאָן ניט אינגאַנצן.
(ס׳קאָן זיין, ווען איך וויין, גייען זיי טאַנצן).

פונדעסטוועגן געפעלט מיר די וועלט
מיט אלץ, וואָס זי האָט, און מיט אלץ, וואָס איר פעלט,
און אפילו צוזאמען מיט מיין שכן,
און מיט מיין שכנה, וואָס איז אלט און צעבראָכן,
און מיט א צענדליק צוויי קאָלעגן,
אויך מיט די וואָס איך גריס זיי פון יוצא־וועגן,
מיט יענע וואָס איך קאָן זיי ניט אינגאנצן.
מיינע אויגן שטענדיק מיט נייגער גלאנצן,
און דאָס, וואָס ס׳געפעלט מיר ניט, אויך מיר געפעלט. —
א קלייניקייט עפּעס! — עס איז דאָך — די וועלט!

אך, דער בוים

אך, דער בוים דער נארישער און גוטער!
ניט קיין בלעטער — ריפּטלעך ברויט מיט פּוטער.
קומט מען, עסט מען אויף די פרישע ריפּטלעך,
און מע לאָזט א דאנק אים איבער שריפטלעך.

בלייבט ער שטיין אין אָנהויב זומער נאקעט.
אויף די הוילע צווייגן זיצט א קראָ און קראקעט:
— בוים דו נארישער! דו, מענטשן־רעטער!
זאָג מיר, ווו זשע זיינען דיינע בלעטער?

ווער זאגט עס ?

לויט בעראנזשע

ווער זאָגט עס אז זינגענדיק גיסט מען מעטאל,
אז טאנצנדיק קאָן מען דערגיין צו א קוואל ? —
דאָס זאָגן נאָר שווינדלער און דרייער,
זיי לוינט זיך עס זייער און זייער.

ווער טענהט אז קאָרטשעווען וועלדער איז לייכט,
אז גרינג איז צו צוימען דעם גאנג פון א טייך ? —
דאָס זאָגן נאָר בלאָפער און דרייער,
זיי לוינט זיך עס זייער און זייער.

ווער פלוידערט אז כאָוועז מען דארף ניט דעם זאנג,
אז ס׳קאָסט ניט קיין מי דעם פאָעט זיין געזאנג ? —
דאָס זאָגן נאָר ליגנער און רדייער.
זיי לוינט זיך עס זייער און זייער.

ווער דרשנט אין נאָמען פון פאָלק אזוי פרעך,
ווער האָט זיך גענומען אליין אזא רעכט ? —
אלץ יענע צבועקעס און דרייער.
זיי לוינט זיך עס זייער און זייער !

א שטעקן

עס טוט ביי אים וווּנדער דערוועקן:
א שטעקן זאָל האָבן צוויי עקן,
וואָס קוקן — וואָס קאָן עס באַדייטן? —
אין צוויי גאָר פאַרשיידענע זייטן!

ווען איין עק פון שטעקן איז אויבן,
דער צווייטער — אויף דר׳ערד טוט זיך שטויבן!
פאַרוואָס איז דער שטעקן ניט איייניק? —
פאַרשטיין דאָס א לעבן איז ווייניק...

— פאַר דיר — זאָג איך — ווינציק א לעבן;
דיר איז קיין פאַרשטאַנד ניט געגעבן.
דו האָסט ניט פאַרזוכט נאָך קיין שטעקן, —
כאָטש איינעם פון זיינע צוויי עקן...

די מאָס

ווער קאָן זי דען האָבן,
די מאָס פון פאַרדראָס ?
עס זאָל דיך פאַרדריסן,
נאָר איין מאָל דערלאָז —
און אלץ וועט פאַרדריסן !
קיין רו וועסט ניט וויסן,
פון פרייד און פון גליק
וועסט ניט קאָנען געניסן,
און וועסט גאָר ניט אָנהויבן וויסן פאַרוואָס.
ווייל פירן וועט דיך דיין פאַרדראָס ביי דער נאָז.

די באָד אין פּאלאנגע

איך טו די טיר אָן עפן —
ניטאָ קיין באנק קיין פרייע.
א שעפל צו א שעפל —
מע רייבט זיך — א מחיה!

א קאָוונער מיט א דווינסקער מויד,
זיי "סטייען" און זייריידן.
ס׳פלאמט איף די ת... די הויט
ביי אָט דיביידע מיידן.

זאָגט איינע: — כ׳וועל ניט סטערן,
זאָל זיין געגוג צו ברייען! —
דאָ קאָן מען יידיש הערן.
א מחיה!

60 18/VIII

דאָס בריקען פון דעם פערד

דאָס בריקען פון דעם פערד,
דעם הונטס פאַרשייטער בילן
זאָל פאַר מיין הארץ און ווילן
ניט האָבן קיין שום ווערט.

און וויכטיק איז נאָר איינס:
צוליב דעם ביל און בריקע
ניט איינלאָזן דעם עיקר,
ניט דורכלאָזן דאָס שיינס.

דאָס שלעכטס איז בלויז א שויט,
וואָס אָפּשיילן זיך פאָדערט.
אויך אויף א זיסן יאָדער
קאָן ביטער זיין די הויט.

בסדר

איך ווייס ניט ווער האָט עס צוגעטראַכט. —
אַז דאָ איז אַזוי, ווייסט יעדער:
פרעג ביי עמעצן וואָס ער מאַכט
ענטפערט ער דיר: "בסדר".

דאָס הייסט ניט אַז אַלץ איז בסדר ביי אים,
נאָר ס'הייסט אַז ער איז דערצוויגן.
ער וועט ניט קיין זיפץ טאָן, ניט טאָן זיך קיין קרים —
ער האַלט אַז עס וואָלט ניט טויגן.

— וואָס מאַכט דיין פעטער, וואָס יענע וואָך
געפאַלן איז אונטער די רעדער?
— מען האָט אים פאַרנייט אויפן קאָפּ די לאָך,
און איצטער איז אַלץ בסדר.

— און וואָס מאַכט דיין זון? איך קאָן דיין בחור —
ער וווינט אין שיכון פון די סעדער.
— זיין שטוב האָט אָפּגעברענט ביז א האָר.
יהי טוב! ס'איז בסדר.

נאָר זאָלן ניט מאַכן קיין צימעס פון דעם
אַפּלאַכער, בייזע באַרעדער.
ישׂראלער בטחון האָט א שם.
נישקשה, ס'איז אַלץ בסדר!

צו ביסלעך

איינגעביסן אן עפּל כ׳האָב א זויערן. —
אזש ס׳איז די זויערקייט פארגאנגען אין די אויערן.

דער צווייטער ביס
איז שוין געוועזן מערער זיס.

ביז אָט אזוי צו ביסלעך
האָט מיר דער עפּל אויסגעדוכט שוין זיסלעך...

געזונטערהייט

איר זאָגט אַז מיינע לידער אייך געפעלן, —
איז לייענט געזונטערהייט!
אויב די ניט פריילעכע די שׂימחה אייך פאַרשטעלן,
לייגט אָפּ געזונטערהייט

און זוכט פאַר זיך אַ פּאַסיקן מחבר
פון אָנגענעמע רייד.
מיך וועט עס ניט פאַרדריסן. אַדרבה —
געזונטערהייט!

געזונטערהייט! — דער זאָג ביי אונדז, ביי יידן,
איז שטאַרק פאַרשפּרייט.
און אויב איך בין מיט עפּעס ניט צופרידן,
איך זאָג זיך: "ס'קרענקט דיך?"
איז געזונטערהייט!

צווישן קאָרן

כ׳געדענק, א שמאָלינק שטעגעלע אין פעלד —
פוןביידע זייטן דער רייפער קאָרן געלט.
פון מיר איז העכער אויף א סך דער קאָרן.
און כ׳פיל מיך אזוי זיס פארלאָרן...

איך בין ווי אין א וואלד אהער פארגאנגען.
א ווינטל קעמט די נאָכגעביקע זאנגען.
און קאָרנבלימלעך אומדערטרעגלעך־בלויע,
זיי קוקן סיי מיט פרייד און סיי מיט טרויער.

זיי לויכטן דאָ ארויס ווי פיצלעך הימל.
די זון ווארפט אָן אויף מיר א העלן דרימל.
דער שטארקער ריח פון דעם פעלד פארשיכורט.
און ס׳רוימט מיר איין אליין די וועלט איר עיקר.

* * *

דער רעגן פלעגט אין עמער ליב האָבן צו רעשן.
מיין מאמע פלעגט דעם קאָפּ מיר מיט רעגן־וואסער וואשן.
אויך ווינטערצייט אין הויף ארויסגיין מיט א שיסל,
ארייַנשארן אהין פון רייַנסטן שניי א ביסל.

דער רעגן (צי דער שניי) נעמט אויפן פייער זידן.
— דעם קאָפּ שוין ווידער וואשן ?! — פרעג איך אומצופרידן.
די מאמע איילט מיך : — גיכער ! דאָס וואסער נעמט שוין קילן.
און בייגט מיין קאָפּ צום שיסל מיט א שטופּ א שטילן.

ס'איז שוין די שוים פון זייף. זי שיינט און שימערט.
פון אונטן אויף ארויף איך קוק אויף אונדזער צימער...
נאָר אָט איז שוים א שמיצל אין פּנים מיר פארפלויגן.
איך מאך א גוואלד. ס'איז זייף אריין מיר אין די אויגן.

עס טאָגט

די מאמע האָט ארייַנגעקוקט הינטערן שראנק
און מיט א זיפץ געזאָגט:
— דאָס האָלץ ניט סטייען וועט אויף לאנג.
די שורקע טאָגט!

דאָס בלעכן אויוועלע איז העל צעפלאקערט,
קארטאָפל אין די שאָלן קאָכט זיך אינעם טאָפּ.
איך כאַפּ א קוק הינטערן שראנק, און טאקע! —
די שורקע האָלץ האָט שוין א פּאָר געטאָן אראָפּ...

. . . .

פארוואָס זאָל מען אזוי ביי יידן זאָגן —
פארוואָס זאָל "ענדיקן זיך" הייסן — "טאָגן"?

אָפּטישע שפּיל

לויט געזעצן פון לאנג שוין באַוווּסטע,
צו פאַרדאַנקען דער אָפּטישער שפּיל,
שפּיגלט אָפּ זיך די טיר אין דער ליוסטרע,
שפּיגלט אָפּ זיך דער פענצטער אין דיל.

אינדערפרי ווען די אויגן איך עפן,
אויף די ליכטיקע אָפּשיינען כ׳גאַף,
און איך פּרוּוו זיי ווי רעבוסן טרעפן —
כ׳זוך דעם מקור פון זייער באַשאַף.

נאָר פון אַלץ איז מיר ליבער צום האַרצן,
איז מיר נאָנט, איז מיר היימיש באַקאַנט,
ווען עס טאָגט, דורכן לאָד נאַכטיק־שוואַרצן —
העלע קוילעטשלעך צווייַ אויף דער וואַנט...

* * *

ס׳איז שוין פאַרטיק דער קירבעס,
ס׳זיינען צייטיק די אַרבעס,
און מע שאַרט זיי אין הורבעס,
און מע שטאָפּט זיי אין טאָרבעס.

אויף דעם בוים מיט די וויינשל
איז די זון־שיין צעוועקסלט.
אין די בלעטער — אַ וויג־שיין,
טוט אַ בלענד, און אַוועק שוין...

שטילע טעג היינט ווי נעכטן
מיט די זעלבע פאַרנאַכטן.
דער נאַטור וועל איך נאָכטאָן,
כ׳וועל די רו ניט פאַרשוועכן.

פעטראָווסקי פּארק

(הינטער מאָסקווע)

די הוילע ביימער שרעקן מיך. עק וועלט...
פוןביידע זייטן ווייסע ווענט פון קעלט.
פון ביידע זייטן הויכע ווענט פון שניי.
און א דערפראָרענע צעווישן זיי איך גיי.

כ׳האָב פיינט דעם שטומען ווינטערדיקן פּארק.
א שטעכעדיקער ווינט מיך טרייבט אין קארק.
און אָט בין איך מיט מאטערניש ארויס
צום פרייען פּלאץ, ווו ס׳שטייט דאָס קראנקנהויז.

דאָ האָבן מיר א צימערל פאר זיך.
די מאמע הייסט מיר אָפּטרייסלען די שיך.
כ׳טו אויס דאָס מאנטעלע. ס׳איז אלט און דין,
און זעץ זיך זופּן טיי מיט סאבארין.

אין יענער נאַכט

ניטאָ קיין האַלץ אויף אויסהייצן דעם אויוון.
און דאָ ווי אויף צו להכעיס שטייט א פראָסט.
ס'האָט אונדזער שכן אונדז געטאָן א טובה —
ביי זיי אין קיך מיך אויסבאָדן געלאָזט.

האָט רחל מיך ביים שכן אויסגעצוואָגן,
פארוויקלט אין דער גראָבער קאָלדרע שטארק,
און מיך צוריק אהיים אוועקגעטראָגן
דורך דעם פארשנייטן אָוונטיקן פארק.

שפאצירן פלעג איך בלויז אין די גאנצפריען.
און איצט — דעם שווארצן הימל אָנגעקוקט דערשטוינט.
די שטערן האָבן אין דעם קאלטן גליען
מיין ווארעם הערצל ניט געשוינט.

ס'האָט דורך־און־דורך מיך דעמלט דורכגעשטאָכן
דער טרויעריקער ערנסט פון דער וועלט.
און רחל האָט געטראָגן מיך פון שכן,
ווי גאַרניט וואָלט געשען, צו מיר געקוועלט.

פון דעם אָרט

פון דעם אָרט, ווו איך פלעג קינדווייז
טרייבן שיפלעך אין די רינוועס
האָב איך אלצדינג מיטגענומען —
סיי די ווינטערס סיי די זומערס.

יענע פענצטער, יענע לאָדן
האָב איך אויף זיך אָנגעלאָדן.

יענע גאנעקעס און טירן
טו איך נאָך ביז היינט בארירן.

יענער שניי וואָס איז געפלויגן
שוועבט מיר אלץ נאָך פאר די אויגן.

אלצדינג האָב איך מיטגענומען —
סיי די פרייד און סיי דעם אומעט.

יענע מענטשן — גוטע, שלעכטע,
כ׳האָב געהאלטן פאר גערעכטע. —

אלץ כ׳האָב אלעמען פארגעבן
פאר דעם עצם גליק צו לעבן.

צוויי הענער

א.

מיין קינדהייט קאָן דיביידע הענער
אין יומטובדיקע פּלודערן —
די צוויי בעל־גאווהדיקע מענער —
ס'טוט ארום זיי זיך רודערן.

צוליב טאָן סטארען זיך די הינער,
די הינדעלער זיך זייטיקן.
און פאר דער קוואָקעניש דער דינער
מע קריגט א קריי א צייטיקן.

איין האָן געלעבט אין אונדזער הויף האָט,
דער צווייטער — אין דעם שכנישן.
דעם שווארצן קאָפּ געהאלטן הויך האָט,
פלעגט אונדזער ווייסן ממיתן.

איך זאָג — דעם ווייסן! ניט דעם ווייסן —
דעם פּוטער־מילך־קאָליריקן
— וואָס האָט געציטערט פאר דעם כעסן
בלויז פאר זיין בליק דעם גיריקן.

געווען ביי אונדזערן דער ווידל
פון בלוילער־גרינע פעדערן.
ער פלעגט דעם קאָפּ פארבייגן איידל,
ווי אויסהערנדיק יעדערן.

געהאלטן זיינע הינער ערלעך, —
אליין די פיינע זיטלעכקייט.
פון שנאָבל ווארפן פאר זיי קערלעך
און בורטשען מיט געמיטלעכקייט.

דעם שכנס האָן געווען איז העכער —
די רויטע קרוין — א פייערקרויז,
דער שווארצער ווײדל ווי א פעכער. —
א פראָסטע זאך, א שרייער בלויז.

געפעלט א ברעט האָט אינעם פארקן.
און לעכצנדיק נאָך איינדרוקן,
פלעגט אונדזער שיינער האָן זיך שטארקן, —
אהין אמאָל ארײנקוקן.

און תיכף אָפּשפּרינגען צעטומלט,
זיך לאָזן מיטן שטעגעלע,
ווי אײנער זאָגט: מיר פעלט צום רומל
דעם גזלן דאָרט באגעגענען...

ניט איינמאָל אָבער האָט געטראָפן,
ניט נאָר זיין קאָפּ ארײנגעשטעקט, —
נאָר דורך דער פאָרטקע פריי און אָפן
דער שווארצער האָן ארײנגיין פלעגט.

און הינטער אים — די שווארצע הינער,
די הינדעלעך די שווארצינקע...
ביי אונדזער האָן געווען די מינע
איז ניט קיין צו פיל הארציקע.

ער פלעגט זיך מאכן ניט באמערקן
דעם שכנס בליקן שפּיזיקע
אבי עס זאָל אים ניט צענעריקן,
דער שווארצער האָן דער ריזיקער.

ב.

נאָר דאָס מאָל האָט ער ניט געקאָנט
און ניט געוואָלט מער אָפּטרעטן.
דער בייזער האָן, דער שווארצער האָן
וועט מער פון אים ניט אָפּשפּעטן!

ער האָט באגעגנט דרייסט זיין בליק,
אנטקעגן פיינט געלאָזן זיך.
א טראָט פאָרויס, א טראָט צוריק —
אוןביידע נעמען בלאָזן זיך...

די פעדערן ארום דעם האלדז,
זיי שטעלן זיך ווי בלעכענע.
דער ווייסער האָן ער גייט אויף אלץ —
ער מוז זיך איצט צערעכענען! —

ער טוט א פלי, ער טוט א שפּרונג —
די הינער קרעכצן תמימותדיק —
דער שווארצער האָן, דער גראָבער יונג,
ער מאכט פון דעם קיין צימעס ניט,

איין מאָל, א צווייטן פאלט ער אָן,
נאָר האָט היינט קיין הצלחה נישט.
דער ווייסער דער געשיקטער האָן
שפּרינגט אָפּ מיט פליג־פּאָכעניש.

ער צילט דעם שווארצן גלייך אין קאָפּ
און מיטן שנאָבל שטאָלענעם,
ער פּיקט ארויס אים ווי א קנאָפּ
אַן אויג אַן אָנגעקוואָלענעם...

און דעמאָלט האָט דער שווארצער האָן
א יאָמערלעך געשריי געטאָן.

און אונדזער ווייסער מיט די הינער
האָט זיך געלאָזן אין זיין וועג,
פּונקט ווי אים ליגט גאָר ניט אין זינען
דער ערשט געענדיקטער געשלעג.

—*—*—

דאָס קינד און די וועלט

די זון איז געשטאַנען, דער הימל — געגאַנגען,
און אונטער דעם הימל — געגאַנגען די זאַנגען.
און איך בין צעווישן דעם ערד און דעם הימל
אויף מיינער א קינדער־מחשבה געהאַנגען...

די וואָלקנדלעך האָבן די הויך ניט פאַרצויגן,
נאָר זילבערדיק־ליכטיק געפלויגן, געפלויגן...
עס האָבן די רחבות אין זיך איינגעזויגן
מיט דורשטיקער קראַפט מיינע קינדערשע אויגן.

וואָס האָב איך די אויגן אזוי אויפגעריסן,
וואָס האָב איך דערזען דאָרט? — ס'איז שווער איצט צו וויסן.
דער זומערטאָג האָט אין צעעפנטן האַרצן
געהאַלטן זיך אלץ אין איין גיסן און גיסן.

און ווו נאָר א בלעטל, און ווו נאָר א גרעזל,
פון ליכטיקן טוי איז געוואָרן געגעזן.
גערעדט האָט צו מיר יעדעס לעבעדיק וועזן.
דאָס קינד און די וועלט זיינען אייניק געוועזן.

נאָר ווער האָט עס צוגעטראַכט ציילן די יאָרן?!
דורך דעם איז די אייביקייט חרוב געוואָרן.

מיין מאמעס גאָרטל

א.

פון שוואַרצן יומטובדיקן קלייד
מיין מאמעס וווּנדערלעכער גאַרטל
אויף בלאַנקען אונטערשלאַק אויף האַרטן
מיט פינקל־גלעזעלעך געניייט. —
די פינקל־גלעזעלעך — בלויז שוואַרצע —
זיי לויכטן מיר אַריין אין האַרצן
מיט זייער טרויעריקער פרייד.

זיי פלעכטן זיך אין אַ מאָזאַיק
מיט שוואַרצער סודותדיקער שיין —
און קיל אַזוי, אַזוי ניט שרייאיק.
נאָר ווען דו קוקסט זיך בעסער איין,
איז נעמט דיך אָט דאָס שטילע גליען
צו זיך מיט מאָדנע כוחות ציען.
גייסט אין אַ צויבערוועלט אַריין.

איך זע פאַר זיך אַ גאַנצע שטאָט
מיט שלעסער, טורעמס און פּאַלאַצן —
אַ כישוף־שטאָט. אויף יעדן טראָט
פול פייערווערק און פול שטורקאַצן.
אינמיטן שטאָט, אינמיטן נאַכט —
דער קעניג אין זיין שוואַרצער פּראַכט
מיט שוואַרצע שטערן אויף די לאַצן...

דער קעניג אויף מיין מאמעס גארטל —
דאָס קרעלעכל וואָס אינדערמיט,
לויכט אָפּ עטוואָס מיט בלוי מיט צאַרטן,
און איז באַרינגלט, אָפּגעהיט
פון פיצל־־גלעזלעך — שוואַרצע דינער,
וואָס שעמערירן און זיך מינען
אין פינקל־שטויביקן צעשיט...

און מאַלע וואָס עס קאָן זיך נאָך
א מיידעלע א קלייניקס דאַכטן!
און אָט איז שוין די צווייטע וואָך
אין דאָרף, אין פּראַסטיקע פאַרנאַכטן —
אויס ליאַלקעס, אַלע שפּילן — אויס!
איך שפּיל מיך מיטן גאַרטל בלויז,
איך הער ניט אויף אים צו באַטראַכטן.

ב.

נאָר ס׳טראָגט ניט די מאַמע דעם גאַרטל
און טראָגט ניט דאָס יומטובדיק קלייד.
אין דאָרף צווישן שנייען פאַרשאַרטן
פון דעם קאָן ניט זיין גאָר קיין רייד.

זי גייט אין א וואַרעמען טיכל
און וואַליקעס ניט פון איר מאָס.
אראָפּשרייבן, זאָגט זי, פון ביכל
פּאַוואָלינקע כ׳זאָל, אות נאָך אות...

מײַן מאַמען געװען אױפֿן האַרצן
איז ביטער. קײן צער ניט געפֿעלט.
געװען פֿאַר איר גאַרטל דעם שװאַרצן
אַן אָרט אין מײַן קינדערשער װעלט.

פֿאַרבײַ איז דער עלנטער װינטער,
פֿיל זומערס און װינטערס פֿאַרבײַ...
װוּ איז זי, מײַן קינדהײט, אַצינדער? —
מיט ליפּן פֿאַרדריקטע איך שרײַ.

___*___*___

וואַלקנגאַנג

א.

. . . די הייך — מיט וואַלקנדלעך באַפּעדערט.
און קוקסטו אַנגעשטרענגט און לאַנג,
איז אַלץ דאָרט אויבן גייט אין גאַנג.
דער גאַנצער הימל — ווי אויף רעדער . . .

אַריינגעטאָן אין הימלבילד
וואָס שפּילט אין ווערן און פאַרשווינדן,
אַ מאָדנעם ווייטיק כ׳האָב געפילט,
געפילט אַ פּחד כ׳האָב אַ בלינדן.

אַ קול האָב איך אין זיך געהערט:
דאָס אָנשווימען און דאָס פאַרשווימען,
צי איז עס ניט קיין פאַנטאָמימע
פון אַלץ, וואָס טוט זיך אויף דער ערד?

אין וואָלקנגאַנג כאַפּט אויף מיין אויג
אָן אַ שיעור געשטאַלטן און געזיכטער.
די וואָלקנס ווערן אַלץ געדיכטער
און זאַמלען אויף זיך אין אַ סטויג.

דער סטויג ווערט טונקעלער, ער וואַקסט
און פּרעסט, און דריקט מיט גרויל מיט שווערן.
פּונקט ווי די ערד וואָלט פון איר אַקס
אַראָפּ, און דראָט זיך איבערקערן . . .

נאָר אומגעריכט א שמץ ליכט
פארקריכט אין סאמען טיפסטן שיכט
און אינעווייניק צינדט אים אונטער.
אָט לויכט דער סטויג שוין, א באזונטער!

און גלייך ווערט גרינגער אויפן הארצן.
און ס׳ווערט די ערד צוריק אן ערד.
אויף איר מיר ווידער היימלעך ווערט,
און כ׳זע מער ניט די וועלט אין שווארצן.

דער וואָלקנגאנג, דער וואָלקנגאנג
מיט די געהיימע וועלטן זיינע! —
געקענט כ׳האָב קוקן שעהנלאנג
ארויף אין פריער קינדהייט מיינער, —

ארויסכאפּן, ווי פון א ים
א פישעלע, א פיצל רמז,
וואָס ער האָט דורכגעשוועבט ניט סתם.
און עפּעס האָט באפוילט מיר: — נעם עס!

אלץ, אלץ וואָס כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט,
אָן אויסנאם, האָט אין זיך אנטהאלטן
די זילבער־פּערלדיקע וועלט
מיט אירע בילדער און געשטאלטן.

ב.

נאָר ווען איז אייגנטלעך געשען
אז כ׳האָב דעם קאָפּ אראָפּגעבויגן,
און אויפגעהערט האָב איך פון ווען
אין הימל באָדן מיינע אויגן?

ווי נאָר איך בין געוואָרן עלטער,
האָט מיר די אייפּערדיקע ערד
דעם קאָפּ צו אויפהויבן געשטערט
מיט טויזנט מינים גענג פאַרשטעלטע.

נאָר איך האָב פון דער הימל־שול
באוויזן פּאָרט א סך געניסן —
פון דעם וואָס הייבסט ניט אָן צו וויסן
אז ס׳איז דיין הארץ מיט וויסן פול.

דער הימל האָט מיך צוגעוווינט
דעם מינדסטן איבערגאנג צו פילן
אין אלץ — דעם וואָלקנגאנג דעם שטילן
און אייביקן וואָס גאָרניט שוינט.

אזא מין זאך א מאָדנע איז
מיט מיר (דאָס איז א קנאפּע מעלה):
דעם וואָלקנגאנג אונטער די פיס
דערפיל איך טיילמאָל אויף א ווײַלע.

אלץ קומט צושווימען און צערינט.
און אייביק איז נאָר דאָס ניט ווערן.
און כאָטש דער דיכטער בלייבט א קינד,
די קינדהייט איז ניט אומצוקערן...

___*___*___

* * *

פון פרי און ביז צו אָוונט,
פון אָוונט און ביז פרי —
איבערן הימלס בלויען טאָוול,
איבערן הימלס גרויען טאָוול
בלייכער כתב פון וואָלקן־פלי.

אָט א גרויע, אָט א ווייסע,
גלייכגילטיק צו היץ און קעלט,
ציט זיך די סיפּור המעשה
פון דער שוועבנדיקער וועלט.

די בינע

(פון מיין קינדהייט)

1. **דאָס ערשטע וואָרט**

אין קינדערשן מוח, אין קעמערלעך דינע —
דאָס ערשטע פון ווערטער
אויף יידיש געהערטע
פארקריצט האָט זיך: "בינע".

די אלטינקע אייזנבערג איז אן אקטריסע.
זי האָט א פארמעגן מיט חנדלעך זיסע.
זי מעסט ביי דעם שפּיגל
א הוט — א מין קריגל,
און קליידער משונהנע — געלע און גרינע. —
ס'איז אלץ פאר דער בינע.

אָט קומט אן אקטיאָר וואָס זיין נאָמען איז זאנגער.
ביי אים איז אינאיינעם געטאנצט און געגאנגען.
אים ווילט זיך מיין קינדערשע פריינדשאפט געווינען.
ער פרעגט — דו ווילסט מאָרגן מיך זען אויף דער בינע?

איך לויף צו דעם טאטן אים איבערצופרעגן.
און ער, מיט א שמייכל ער גייט מיר אנטקעגן.
— כ'וועל מאָרגן דיך, רחלע, נעמען אין טעאטער!
און ס'כאָפּט אויף די הענט מיך און קושט מיך מיין טאטע.

2. די רעפּעטיציע

היינט נעמט מיך דער טאַטע מיט זיך. ס׳אַרא פרייד!
איך וואַרט שוין אויף דעם פון באַגינען...
(מע האָט רעפּעטירט דאַן "צעזייט און צעשפּרייט").
— וועסט זיצן אין זאַל — זאָגט ער — שטילינקערהייט
און קוקן אַרויף צו דער בינע.

קוק איך אַרויף צו דער בינע און שטוין.
עס איז פאַר מיר אַלץ אַ נייעס.
שטייט דאָרט און רעדט אַ באַקאַנטער פּאַרשוין,
מאַכט עפּעס מאָדנע העוויות...

זאָגט אים מיין טאַטע: — הייב נאָך אַ מאָל אָן! —
חזרט ער איבער די ווערטער,
איין מאָל, און צוויי מאָל... איך זוך וואָס צו טאָן.
צייל איך די ליידיקע ערטער.

נאָר ווען פון דער בינע דערטראָגט זיך אַ ליד,
נעמט אויס ביי מיר זייער דאָס זינגען.
און איצט וועט דעם טאַטן שוין גרינג ניט געלינגען
צו נעמען אַהיים מיך. — ניין, ניין, כ׳בין ניט מיד!

— — — — — — — —

צינדט זיך אין זאַל
די עלעקטרישע שיין,
פרעג איך דעם טאַטן
וואָס ווייטער וועט זיין.

3. מיין טאטנס לעצטע בינע

ס׳זיינען דורך בלויז געציילטע חדשים,
און ביי מיר איז קיין טאטע ניטאָ שוין . . .

דער אוקראַינער סטעפּ אין גראָזן גרינע
איז געווען מיין פּאָטערס לעצטע בינע.

ווען ער איז געפאָרן, ניט דערפאָרן
מיט זיין טרופּע יידישע אקטיאָרן,

אָפּגעשטעלט דעם באַן האָבן גזלנים,
וואָס פארטראָגן נישט קיין יידיש פּנים.

איינער האָט די אויגן אויסגעלופּעט:
— ווער איז דאָ דער עלטסטער אין דער טרופּע?

און דער עלטסטער איז געווען מיין פּאָטער.
אכט און צוואנציק יאָר פארמאָגט בלויז האָט ער.

האָר געקרייזלטע, א הויכער שטערן.
האָט ער זיך גענומען זיי דערקלערן . . .

איז א קויל אים גלייך אין קאָפּ געפלויגן
און מיין שטאָלצן פּאָטער איינגעבויגן.

ער איז טויט געפאַלן אויף די גראָזן.
ס׳האָט דער פאָרהאנג זיך אראָפּגעלאָזן . . .

הינטער אים מיין קינדהייט איז געבליבן,
א פארשלאָסענע אויף שלעסער זיבן.

און ביז היינט נאָך אויף דעם אָרט דעם וויסטן
שטייען דענקמאָל־שטיינער ווי סטאַטיסטן.

4. פושקינס מעשהלע

ס'זיינען דורך ערשט געציילטע חדשים —
ס'איז מיין מאמע פארשטומט און פארלאָשן
זינט מיר זיינען געבליבן פאראבלט...

בלויז א בוך מיט א ליכטיקן טאָוול,
מיט א גאָלדענעם הענדל אינמיטן
(כ'וועל דערנאָכדעם עס יאָרנלאנג היטן) —
אָט דאָס בוך איז מיין פריינד און מיין רעטער.
זיינע זייטלעך איך בלעטער און בלעטער
רייך־קאָלירטע ארייגעקלעפט בילדער,
פושקינס מעשהלע ווערט דאָרט געשילדערט.

ווען מע לייענט מיר די רוסישע פערזן,
ווי זיי שרייבן זיך כ'קוק, ניט נאָר כ'הער זיי.
שטענדיק הונגעריק כ'בין און פארפראָרן.
(פון דעם בירגערקריג זיינען דאָס יאָרן)
נאָר די נויט אין דער היים און דער טרויער
איבער מיר שוין איצט ווינציקער לויערט. —
אלע מיינע געדאנקען זיך ווענדן
צו דער מעשה פון גאָלדענעם הענדל.

.5

כ׳קאָן שוין אויסוויינִיק די מעשה
מיט די בילדער, וואָס באַגלייטן,
כ׳קאָן די דורכלויכטן די ווייסע
צווישן איין פערז מיטן צווייטן,

כ׳קאָן די אותיות א ביסל —
פערז פון פערז איך אונטערשייד
אויף אזוי פיל איך זאָל וויסן
וועגן וואָס עס גייט א רייד.

שטעל איך פלוצים זיך אנידער
אין א קרוין פון גאָלדפאפיר
(אָט האָט שוין די בינע ווידער
אָנגעקלאפּט אין אונדזער טיר),

ס׳לויכט אראָפּ דער לאָמפּ פון באַלקן.
— הערט אויףריידן! ס׳הייבט זיך אָן!
איך בין שעמאַכאנער מלכה!
ניעגדע וו׳ טרידיעוויאטאָם צארסטוויע,
וו׳ טרידיעסיאטאָם גאָסודארסטוויע
זשיל ביל סלאוואני צאר דאָדאָן...

6. דאָס ליכטיק קעסטעלע

די שכנה קומט פארנאכט אריין.
מיט עלנט א געשטראָפּטע,
פלעגט זי אין יענעם ווינטער זיין
ביי אונדז א גאַסט אַן אָפּטער.
דערציילט זי גאָר א שיינע זאך
(כ׳האָב מויל און אויער אויפגעמאכט).

איר יינגל מייסטרעווען האָט האָלט.
א וועלט מיט מי געפּטרט, —
געקלעפּט, געשניטן און געמאָלט,
און האָט געמאכט א טעאַטער.
דאָרט פּושקינס מעשהלעך ער ווייזט.
"איר מוזסט עס זען אום יעדער פּרייז!"

עס האָט דעם אָטעם מיר פאַרכאַפּט.
איך לאָז זיך גערן פירן.
ס'האָט שטיל מיין מאמע אָנגעקלאַפּט
אין איינער פון די טירן.
מיר הערן: — ביטע,קומט אריין!
אין שטוב פאַרלאָשן איז די שיין.

און בלויז א קליינער פיר־עק לויכט —
דאָס קעסטעלע — די בינע.
א וווּנדער־פּאַלאַץ העל און הויך
איז פאַר מיין בליק דערשינען.
און אויף זיין טורעם, אויבן אָן
דאָס גאָלדן הענדעלע כ'דערקאָן!

ס'דערציילט א שטימע — פערז נאָך פערז
דאָס מעשהלע דאָס שיינע.
און ווען דו קוקסט, און ווען דו הערסט,
פאַרפלעכט זיך אַלץ אינאיינעם, —
עס לעבן טאַקע, דוכט זיך מיר,
די מענטשעלעך דאָרט פון פּאַפּיר!

עס לאָזט דער "פאָרהאנג" זיך אראָפּ,
און ס'צינדט זיך אָן איבער קאָפּ
דער לאָמפּ אין מיטן דרינען.

. . . .

ביז איצט נאָך פארגעדענקט איך האָב
דאָס קעסטעלע — די בינע.

7. די בינע אויף דער וואנט

ווער ס'האָט פארכאפּט נאָך גראנאָווסקעס טעאטער,
פילט נאָך ביז היינט אין הארץ יענעם פלאטער.

נעמט מען אין טעאטער מיט זיך דאָס קינד.
ס'ווייעט פון צוואנציקער יאָרן דער ווינט.

קום איך פון טעאטער — מאָל איך און קלעפּ
בוידעמער, גאניקעס, לייטערס און טרעפּ,

דעכער און שטיבלעך, לאמטערנעס און קוימענס.
"הייסע באבקעלעך, קויפט, קויפט, קונים!"...

אלץ, וואָס געמאכט האָט מיין קינדערשע האנט,
ברייט איז צעהאנגען אין שטוב אויף דער וואנט:
מארקוס און מירעלע,
האָצמאך, ר' אלטער —
ווערט פון דעם ווארעם דער ווינטער דער קאלטער.

רייסט זיך דער פרילינג אריין אומגעריכט —
באָדט זיך מיין וואנט אין בייטאָגיקן ליכט.

8. עס בליצט

לייג איך זיך שלאָפֿן,
פֿיל איך אין שלאָף, ס׳האָט זיך עפּעס געטראָפֿן.
כאַפּ איך זיך אויף פֿון א דונער א טויבן.
פֿלאַטערן בליצן אריין אין די שויבן. —
לעבט שוין די וואנט! ס׳ווערט באלויכטן מיין בינע.
קומט מיר "די כישופֿמאכערין" אויפֿן זינען.

שפרינגט פאַרן פענצטער איין בליץ נאָך דער צווייטער —
דראַפּעט זיך האָצמאַך ארויף אויפֿן לייטער.
דוכט מיר, עס הערט זיך מוזיק דורכן רעגן.
פֿול מיט התפעלות כ׳בין איבער די ברעגן.
שרייען פֿון מיר מיינע יאָר מיינע נ י י ן .
כ׳פּלייס זיך דעם שלאַקסרעגן איבערצושרייען:

— מאמעלע טייערע, קוק אינעם פענצטער!
כ׳וויל מער ניט שלאָפֿן! דעם דרויסן דערקענסטו? —
הינטערן פענצטער איז אויך דאָך א בינע!
ס׳ברענט דאָרט די קרעטשמע אין פֿייערן גרינע...
מירעלע וויינט. אויף דער שויב — אירע טרערן...
זאָגט מיר די מאמע: — אנשלאָפֿן דאַרפֿסט ווערן.

פֿלעכטן זיך פֿלינק אויף די שויבן די טראָפּנס.
זעצט זיך אנידער מיין מאמע צוקאָפּנס.
גלעט מיר דעם קאָפּ און זינגט מיר א ניגון
און איך — ווי אָן עופֿלע כ׳לאָז מיר פֿאַרוויגן.

ווערן די קלעפּ פון די דונערס אַלץ שטילער.
שלאָף איך און ווייס וועגן דעם ניט אַפילו.
קאָנען שוין האָצמאַך און מאַרקוס און מירעלע
ווערן צוריק, ווי געוועזן, פּאַפּירענע.

9. פּרעמיערעס

דאָס ערשטע מאָל א פאָרשטעלונג א נייע —
די סודותפולקייט איז באַזונדערס טייער.
דער צושויער איז אָנגעשפּיצט און וואַרט,
דער שוישפּילער דעם פאָרהאַנגבֿרעג פאַרשאַרט
און כאַפּט א קוק אין זאַל — דער עולם ווער איז?
אוי, יאָרן רווישיקע! אומשטערבלעכע פּרעמיערעס:
"צוויי הונדערט טויזנט", "פּרינצעסע טוראַנדאָט",
"דני טורבינינך", — ס׳גייט כאַדראָם די שטאָט.

מיר איז שוין דרייצן יאָר. איך בין אויף אַלץ מוותר,
אַבי צו גיין וואָס אָפטער אין טעאַטער.
און פון קליין בראָנע איז שוין אָפּגערעדט!
דאָרט שפּילט דאָך אונדזער אייגענער-"גאַסעט".
און אַלע מאָל, ווען ס׳איז דאָרט א פּרעמיערע,
איז עס א יום־טוב פאַר די מאָסקווער יידן.
אויף יענער זייט פון שוועל בלייבט אַלדאָס שווערע.
אהער געקומען — איז מען שטאַרק צופרידן.

ווען ס'ענדיקט זיך, איז הערן א מחיה,
ווי אלע שטייען אויף און אלע שרייען —
דער זאל מיט יובלדיקע קולות פול ווערט —
מע רופט:
— גראנאָווסקי!
— וואָווסי*!
— זוסקין!
— פולווער!

. . . .

אָט בין איך ווידער היינט אהער געקומען.
איך קוק זיך צו צו אלץ מיט נייגער שטומען.

עס קלינגט דאָס גלעקל. איך פארנעם מיין אָרט.
צו דעם אָרקעסטער כ'קוק. וואָס טוט זיך דאָרט?

דאָרט טענהט אויס זיך יעדער אינסטרומענט.
ווען עס זאָל זיין אָן מיר געווענדט,
וואָלט איך א גאנצן אָוונט הערן גערן
אָט דעם געברום, ניט מיד ווערנדיק הערן

דעם פּרוּוו פון פידל און דעם פּרוּוו פון פלייט,
דאָס טרעפלדיקע שפּרינגען פון טרומייט,
דער הארפּעס ווינטל,
דעם פאגאָט'ס א גלעט,
דעם זוניקן געלעכטער פון קלארנעט...

נאָר אָט ווערט פינצטער.
באלד וועל איך געפינען
דאָס וואָס איך זוך. —
די לויכטנדיקע בינע!

____*____*____

* מיכאָעלסעס ווירקלעכער פאמיליענאָמען.

פאַרזיכטיק

און אויב מיין בוך איז נאָר א בוך
צו עפענען און גלייך פארמאכן —
אָן פארב, אָן טעם און אָן גערוך,
אָן אלע גוטע זיבן זאכן,

אויב האָסט א בלעטל אויפגעמישט
און גלייכגילטיק ביסטו פארבליבן,
זאָל ווערן מיט א פלאם פארווישט
דאָס אלץ וואָס איך האָב אָנגעשריבן!

מעגסט אויפן פייער פונעם בוך
זיך קאווע אויפקאָכן אפילו.
נאָר פריער פאַרזיכטיק פארזוך,
זאָלסט זיך ניט אָפּבריען חלילה...

פעפער אין פילן

אפאָריזמען

אַלטקייט — דאָס איז ניט פאר קיין אינטעליגענטן מענטשן.

•

די גיכקייט פונעם לאנגזאמען איז אומגעהויער!

•

א שרייבער — איינער וואָס האלט אז וואָס ער שרייבט אָן, מוז ער אָפּדרוקן.

•

דאָס סאמע ראיעלע אין לעבן, דאָס זיינען נסים.

•

א שיינער קערפּער קאָן ניט זיין הויל.

•

וויסן וואָס מע דארף ניט טאָן איז אפשר וויכטיקער, איידער וויסן וואָס מע דארף טאָן.

•

גרויסהאלטער היילן זיך אויס, ווען מע לייגט אויף זיי קיין אכט ניט.

•

מע דארף אינגאנצן ניט שעצן דעם מענטש, מען זאָל אים אלץ מוחל זיין.

•

וויסן מאכט שטארק. אָבער דאָס ניט וויסן מאכט טיילמאָל שטאר־קער — ס׳איז כדאי דאָס צו וויסן.

•

לעבן דעמאָלט ווען דו קאָנסט ניט לעבן — אָט דאָס האָט ערשט א ווערט!

•

ווען ס'איז גוט, איז דאָס לעבן בעסער פון א גוטן כלום, ווייל ס'איז אויף דער וואָר. און ווען ס'איז שלעכט, איז דאָס לעבן ערגער פון א שלעכטן חלום, ווייל דו קאָנסט זיך ניט אויפכאַפּן.

•

די סטאַדע קלייבט פאר זיך ניט אויס דעם פאסטעך.

•

דעם מוח דארף מען טרענירן: אויפהויבן געדאנקען וואָס א מאָל שווערערע.

•

מאך זיך ניט פון דיין פארדרוס קיין פארגעניגן.

•

ווי כיטרע מע דארף זיין צו אויסזען אזוי אומשולדיק!

•

דער מאָדערנער נאָר טרייסט זיך מיט דעם אז ער האָט אן אנטי־שכל.

•

עס איז ניט אומבאדינגט פילן זיך שלעכט פארן טויט, און גוט — פארן געבוירן ווערן.

•

טו א טראכט וועגן וואָס דו טראכסט!

•

ווען איינער נעמט אָן א לעפל וואסער, הייסט עס נאָך ניט אז ער קלייבט זיך דיך דערטרינקען.

•

דער פאסטעך האָט, כדי צו ראטעווען די סטאַדע, אָפּגעגעבן דעם וואָלף ביז דער לעצטער שעפּעלע.

•

א ווייסער קאָן ניט פון העלער הויט ווערן א נעגער.

●

אמתן צער און אמתן גליק האלט מען בסוד סודות.

●

א מת וואָס איז ביים לעבן געווען א מיטעלער מענטש איז אויך נאָכן טויט מיטלמתיק.

●

ווען דיר איז קאלט, טו אָן ברילן וועסטו זען . . . אז עס איז דיר ניט געוואָרן ווארעמער.

●

א נעגער צווישן ווייסע איז א ווייסע וואָראָנע.

●

דער פילאָזאָף האָט געזאָגט וועגן דעם לעבן אויף דער ערד, אז עס הייבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס. אָבער דער פּראָסטער חי־וקיים האָט זיך פון דעם אויסגעלאכט. — ווייס איך וואָס! — האָט ער געזאָגט, — עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס . . .

●

שלעפּ ניט קיין חזיר פון בלאָטע. ער וועט דיך פארשפּירצן פון קאָפּ ביז די פיס . . .

●

ווען דעם מענטשן איז ניט שלעכט, האָט ער ניט קיין אנונג ווי גוט אים איז.

●

א קלוגער ווייסט ווי עס דארף זיין, און א חכם ווייסט ווי עס פּאסירט.

●

דער מענטש געדענקט גוט וואָס ער דארף פארגעסן.

●

וואָס נענטער צו דער עלטער, אלץ שווערער גיט זיך איין צו זיין יונג.

●

ווער זאָגט, אז גיין בארג אראָפּ איז גרינג?!

טיילמאָל ריידן מענטשן א סך כדי עפּעס צו פארשווייגן.

●

ס'ארא גליק איז צו קאָנען פילן זיך גליקלעך!

●

א קלוגער ווערט אויף דער עלטער קלוגער, א נאר — נארישער.

●

ס'איז ביטער ווען מיט פאנאטיזם קעמפן פאנאטיקער.

●

אין קונסט איז ענערגיע אָן טאלאנט — א גרויסער אומגליק.

●

אין דער יוגנט פארנעמען מיר זיך מיט קאָמפּליצירטע פּראגן. און מיט דער צייט הייבן מיר אָן פארשטיין אויך פּשוטע זאכן.

●

א נאר אין א פרעמד לאנד איז פריער פאר אלץ אן אויסלענדער.

●

אמאָל האָט א שרייבער, ביז ער פלעגט טונקען די פעדער אין טינט, געהאט צייט צו טראכטן.

●

דער געדאנק טראָגט שיך, און דאָס געפיל גייט באָרוועס.

●

ביי אים איז א שוואכקייט: ער וויל מאכן אן איינדרוק פון א שטארקן.

●

א ייד לאכט ניט אויפן ניכטערן הארצן. פריער עסט ער זיך אָן מיט צרות.

עס טרעפן צייטן ווען ניט זיין קיין פחדן איז א העלדישקייט, און זיין א העלד איז פחדנות.

●

מע זאָגט אז א ניט ריינער געוויסן לאָזט ניט שלאָפן, אָבער אייני־קע שלאָפן כדי זייער געוויסן זאָל זיין ריין.

●

שלאָפלאָזיקייט פארקירצט דאָס לעבן, אָדער מאכט עס לענגער?

●

אורטיילן וועגן א מענטשן קאָן מען ניט לויט דעם וואָס ער טוט ווען ער איז פארנומען, נאָר נאָך דעם וואָס ער טוט אין זיין פרייער צייט.

●

א טיפער געדאנק פארמאָגטליידנשאפט און א טיף געפיל פארמאָגט חכמה.

●

פאר אן אָפטימיסט קומט נאָך דער נאכט דער טאָג. פאר א פע־סימיסט קומט נאָך דעם טאָג די נאכט.

●

טראכטנדיק וויאזוי ארויסגיין טרוקן פון דעם געשעפט, איז ער אזש איינגאנצן נאס געוואָרן.

●

א שטארק אָנגעפודערטע, האָט זי אויסגעזען ווי א מעלזאק אויף דער לינקער זייט.

●

איצט, ווען אלץ איז ביי אים געווען אין בעסטן אָרדענונג, האָט ער זיך געקאָנט שוין דערלויבן האָבן א שלעכטע שטימונג.

●

אויך דער הימל האָט ליב זיך צו שפיגלען — ס׳מעג זיין כאָטש אין א קאלוזשע.

●

אורטייל ניט וועגן א מענטשן ווען ער איז אויפגעלייגט, אורטייל וועגן אים ווען ער איז אויפגערעגט.

●

דעם, וואָס זאָגט א ליגן אן אנדערן, קאָן מען כאפּן ביי דער האנט, אָבער ניט דעם וואָס לייגט זיך אליין.

●

א נאר זאָל ריידן מיט א באס — דאָס איז א זעלטנהייט.

●

א מענטשן קאָן מען דערגייען די יאָרן מיט שינאה, מיט גלייכגילט און אפילו מיט ליבע.

●

ביי אייניקע איז צווישן ניט פארשטיין און פארשטיין — א בריק. און ביי אייניקע — א ת ה ו ם .

●

וואָס איז אייגנטלעך א קיטש? — א כסדרדיקע איבערחזרונג פון באגרענעצטער פּוסטקייט.

●

געווינלעך, אז מע גיט דעם אָרעמאן א שטיקל ברויט, איז עס אָן פּוטער.

●

אויף צו געבוירן ווערן דארף מען זיין א קינד.

●

פארשטיי וואָס יענער זאָגט דיר, און זאָג וואָס יענער פארשטייט.

●

דער אייזל האָט געזאָגט צו זיין באלעבאָס: — איך פארלאָז זיך אויף דיר ווי אויף זיך אליין...

——*——*——

אַמאַנימען

ווען קאָן דער קאַנטשיק רימען?
נו פארשטייט זיך אַז דעם רימען!

* * *

רייס אַראָפּ דעם עפּל וואָרעם
ס׳קאָן אים אויפעסן דער וואָרעם.

* * *

כ׳האָב פאַרזייט אַ בייט מיט מערן —
מערן זיי זיך אַלץ און מערן.

* * *

אויב דו ווילסט אַ קעמפער ווערן,
דאַרפסטו גרייט זיין זיך צו ווערן.

* * *

לאָמיר פאַר אַ מוסטער נעמען
אייניקע באַרימטע נעמען.

* * *

פאַלט דעם פריץ איין, איז גיט ער
אָן אַ פּרוטה זיינע גיטער.

* * *

גוט איז קוקן אויף די שטערן,
קיינער זאָל דערביי ניט שטערן.

* * *

פון שקאַרמיצל לאָקשן ציט ער
מיט אַ הונגעריקן ציטער.
אינעם טאָפּ די לאָקשן שיט ער,
אָבער עס איז אַלץ נאָך שיטער.

___

אינהאלט

אליין דאָס לעבן
איך עצה זיך אליין 7
פויגלשפּראַך 8
* * * (דו וועסט לאכן) 9
ירושלימער ווינטן 10
טיול 11
אויף די בערג פון יהודה 13
ירושלים 1, 2 14—15
ווען עס בליען די מאנדלען 16
דער ירושלימער הימל 17
סוכות אין ירושלים 19
ירושלים אויפדערנאכט 20
ביי יעניקע וואָס הארציקייט זיי שפּאָרן 21
ניט שטראָף 22
דיין הארציק וואָרט 23
שפּראכן 24
הינטער דער שטאָט 25
די רגע 27
דאָס פייגעלע וואָס פּיפּט 28
די קאָץ 29
דער סענטימענטאלער רעגן 30
אָן א דעק 31
שיינקייט 1 32
שיינקייט 2 32
מיין לידערהעפט 33
פון אויבן 34
טייבעלעך 35
ירושלים פרילינגצייט 36
* * (פיל איך ניט דעם ריטעם) 37
ניט אזוי 38
פון שבת ביז פרייטיק 39
מגן דודלעך 40
אלטע בריוו 42
אין חלום 43
די באלאדע וועגן יידישן קינד 44
די האלבע שעה 45
אליין דאָס לעבן 46
דאָס אלטע בענקל 47

גליק 48

די פרייז

מיזרח־זייט 51
דאָס עפּעלע 52
ווײַ צו דעם פויגל 53
א קאַלטער פּסח 54
פּאָמעראַנצן 55
האַלט דעם אמת פאַר זיך 56
די פרייז 57
ווי די שפּערלען 59
לידער מײַנע 60
דער כוח פון כוח 61
געדענקען און פאַרגעסן 62
צוויי יאַרמלקעלעך 63
זײַ ציטערן 64
ווי פון א בוים — א בלאַט 65
די גוטע רגע 67
עס קרייזט די ערד 68
שלום הגליל 69
דער יידישער לערער 70
אין מיטן זומער 71
איך זאָג זיך 77
זי שרייבט 78

אין א פּשוטן מאָנטיק

א האַלבער מעת־לעת 81
פאַרטאָג 82
אין א פּשוטן מאָנטיק 83
א גאַסט אזא 84
אליין און מיט אלעמען 85
* * * (כ׳קאָן ניט פאַרשטיין) 86
מצליח זײַן 87
פאַרנומענקייט 88
מײַן חלום 89
צײַט 90
מײַן נעכטיק לעבן 91
בית־הקברות 92
די האַרפּע 93
דײַן האַרציק וואָרט 94

שווארץ און ווייס	95
א בילד אויף דער וואנט	96
אין שפּיגל	97
אלצאיינס	98
יאַיִט־ליכט	99
* * (ווי נאָר איך שטיי אויף)	100
צו די וועלף	101
אזעלכע אויגן	102
איך שאטקעווע קרויט	103
ווייטקייט	104
צום גורל	105
יום־כיפּור ביינאכט	106
קעסטעלעך	107
צו מיין מאמען	108
אין א ווינטיקן טאָג	109
אקוואריום	111
* * (וויפל העפטן האָב איך אויסגעשריבן)	112
צו יוכבד	113
אפיקים	114
א פּיל	116

ציבעלע־קראַנצן

זויער, זיס און ביטער	119
ציבעלע־קראַנצן	120
אַן אֵיידל־שפּאַציר	121
טעאַטער־שפּיל	123
אין א שלאָס צי אין א פּאלאץ	124
ביי די הייגטיקע וועטערן	125
לאָמיר אָפּריידן	126
עס דונערט אין אָקאָליצע	127
אָט אזוי איז עס	128
אך, דער בוים	130
ווער זאָגט עס ?	131
א שטעקן	132
די מאָס	133
די באָד אין פּאלאנגע	134
דאָס בריקען פון דעם פערד.	135
צו ביסלעך	137
געזונטערהייט	138

וואָלקנגאַנג

צווישן קאָרן . . . 141
* * * (דער רעגן פּלעגט אין עמער . . . 142
עס טאָגט . . . 143
אָפּטישע שפּיל . . . 144
* * * (ס׳יז שוין פּאַרטיק דער קירבעס . . . 145
פּעטראָווסקי פּאַרק . . . 146
אין יענער נאַכט . . . 147
פון דעם אָרט . . . 148
צוויי הענער . . . 149
דאָס קינד און די וועלט . . . 153
מיין מאַמעס גאַרטל . . . 154
וואָלקנגאַנג . . . 157
* * * (פון פרי און ביז צו אָוונט . . . 160
די בינע . . . 161
פּאַרזיכטיק . . . 171
פעפער און פילן (אפאָריזמען . . . 172
אַמאַנימען . . . 178

דאָס איז דאָס אַכטע בוך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער סובווענץ פונעם ליטעראַטור־פאָנד א״נ פון ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ ז״ל ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים.

לויטן באַשלוס פון דער זשורי, אויסגעקליבן דורך דער פאַרוואַלטונג פונעם ליטעראַטור־פאָנד, איז די זיבעטע סובווענץ צוגעטיילט צוויי שרייבער: רחל בוימוואַל פאַרן כתב־יד פון לידער־בוך ״אַליין דאָס לעבן״ און פאַרן מע־מואַרן־בוך פון אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן וועגן ביראָבידזשאַן.

די סובווענץ ווערט צוגעטיילט יעדעס יאָר איינעם אָדער צוויי שרייבערס.

דער ליטעראַטור־פאָנד איז עטאַבלירט צום אָנדענק פונעם געוועזענעם פאַר־זיצער פון דער יידישער קולטור־געזעשאַפט אין ירושלים ד״ר שמואל הורוויץ און זיין פרוי רבקה, כדי צו העלפן יידישע שרייבערס אין ישראל אַרויסגעבן זייערע ווערק.

דער ליטעראַטור־פאָנד איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון יחידים און קערפּערשאַפטן אין קאַנאַדע און ישראל וווּ שמואל און רבקה הורוויץ האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַן אָנערקענונג קומט דעם הסתדרות־קאַמפּיין אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), דעם פאַראייניקטן ישראל־קאַמפּיין פון קאנאדע און דעם ״קרן געסטעטנער״ ביי דער סוכנות אין ירושלים — פאַר זייער אָנטייל אין דעם ליטעראַטור־פאָנד.

א ספּעציעלעביישטייערונג ארויסצוגעבן דאָס בוך איז דערהאַלטן געוואָרן פון אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור.

ביז איצט זענען דערשינען די ביכער:

1977 — ״בלוט און וואָפן״, דערציילונגען פון מאיר יעלין
1978 — ״דער פערציק־יעריקער מאַן״, פּאָעמע פון פרץ מאַרקיש
1979 — ״שפּאַצירן אין דער נאַכט״, לידער פון דוד ספאַרד
1980 — ״שמעטערלינגען שוועבן״, דערציילונגען פון קלמן סעגאַל
1981 — ״מיין וועג אַהיים״, מעמוארן פון אהרון ראָזין
1982 — ״דער חוב פון זכרון״, מעמואַרן פון חיים זיידמאַן
1982 — ״גרינער ווינטער״ — ״מאַרקולעשט״, פון מאיר הרץ

יידישע קולטור־געזעלשאפט אין ירושלים

ביכער פון רחל בוימוואָל
ארויסגעגעבן אין ישראל:

אויסגעבענקט
לידער. פארלאג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1972

אמאָל איז געווען א העלפאנד
מעשהלעך פאר קליין און גרויס. פארלאג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1972

חמשים אגדה ואגדה
מעשהלעך. הוצאת הקיבוץ המאוחד ואגודת הסופרים העברים, 1973

אויסגעוויילטע לידער (אין רוסיש). 1976

פון ליד צו ליד
לידער־זאמלונג. פארלאג "אייגנס" 1977, ירושלים

דריי העפטן
לידער. פארלאג "אייגנס", 1979, ירושלים

דפוס קואופרטיבי "אחוה" בע"מ, ירושלים